בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִיש

וַיְחִי

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**שטארק דיר, וועסטו זוכה זיין צו טרעפן א גוטע שידוך.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום טוב חנוכה, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך געב דיר א מתנה א סעט: ״תוספתא״ אלץ הכרת הטוב אויף דעם וואס דו העלפסט מיר צושטעלן עסן פאר די קינדער און בחורים - פרישטאג און לאנטש וכו׳, אזוי אויך פארן האלטן די ישיבה ריין.

שטארק דיר בלימוד התורה און אין התבודדות, וועסטו זוכה זיין צו טרעפן א גוטע שידוך.

קוק אויף דיינע ברידערס ווי שיין זיי האבן חתונה געהאט - נאר ווייל זיי האבן אויסגענוצט זייערע יארן בתורה ותפלה און מיטן משמש זיין דעם רבי׳ן.

פון דיין ראש ישיבה וואס האט דיר זייער ליב.

...

~~~~~~~~~~~

**אפילו איין ווארט וואס מען שרייט צום אייבערשטן טוט אויף; אינזין האבן און בעטן פאר אלע אידן.**

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת ויגש, ב׳ דר״ח טבת, נר ז׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט נאכט איז זאת חנוכה; עס ווערט געברענגט אין די הייליגע ספרים אז מען קען פועל׳ן גרויסע זאכן אין דעם טאג, בעט איך דיר דו זאלסט היינט אנצינדן די מנורה מיט גרויס שמחה און בעטן דעם אייבערשטן פאר דיר און פאר אלע אידן אז מיר זאלן שוין זוכה זיין ארויס צו גיין פון אונזער ביטערן גלות - די אייגענע גלות, דער גלות היצר, וואס דער יצר הרע רייסט שטיקער פון אידישע קינדער.
~~~~~~~~~~~

ווען דו זאלסט וויסן וואס דו קענסט אויפטון מיט איין שריי צום אייבערשטן וואלסטו זיכער ארויס געזאגט נאך אווארט און נאך א ווארט צום אייבערשטן, דערפאר בעט איך דיר, יעצט ביי די מנורה זאג ארויס איין ווארט: "טאטע, העלף מיר!!!"

בעט פאר אידישע קינדער; אידישע קינדער גייען אריבער זייער פיל שוועריקייטן, אזויפיל אידישע קינדער ווארטן אויף רפואות, אזויפיל אידישע פארפעלקער ווארטן אויף קינדער, אזויפיל בחורים און מיידלעך ווארטן אויף שידוכים, אזויפיל אידן מוטשען זיך אויף פרנסה, און מיט איין תפילה קען מען אלעמען העלפן; געב א קוויטשע ארויס א ווארט צום אייבערשטן.

א ליכטיגן חנוכה און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~

**נישט פארברענגען צו לאנג אין בית הכסא.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויגש, ב' דראש חודש טבת, נר ז' דחנוכה, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו זאגסט תהילים און דו האסט יעצט געענדיגט די ערשטע מאל גאנץ ספר תהילים.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן כג): "וואויל איז דעם וואס טרינקט יעדן טאג אפאר קאפיטלעך תהילים"; איך האב געהערט פון א ברסלב'ער חסיד א שיין ווארט אויף דעם וואס דער רבי רופט אן 'תהילים' ווי א 'טרינק', ווייל מיר געפונען אין די גמרא אז די הייליגע חכמים פרעגן (ברכות ז:): "פארוואס ווערט רות אנגערופן מיט דעם נאמען? שֶׁזָּכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּה דָּוִד שֶׁרִיוָּהוּ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ
~~~~~~~~~~

הוּא בְּשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, ווייל ׳רות׳ איז א לשון פון טרינקען, און מיין רופט איר אזוי ווייל פון איר איז ארויסגעקומען דוד המלך וואס האט אנגעטרינקען דעם אייבערשטן מיט דעם ספר תהילים״.

דאס וואס דו פרעגסט צי מען מעג הערן ׳קול ברסלב׳ אין בית הכסא און צי מען מעג רעדן צום אייבערשטן אין בית הכסא; די בעסטע זאך איז נישט צו פארברענגען צו לאנג אין בית הכסא. דער הייליגער רבי האט זייער חוזק געמאכט פון די אלע וואס זיצן לאנג אין בית הכסא, אזוי ווי ר׳ נתן ברענגט (שיחות הר"ן, סימן ל): ״עַל הַמְבַלִּים זְמַן בִּשְׁבִיל נְקִיּוּת וּמַאֲרִיכִין בְּבֵית הַכִּסֵּא הִקְפִּיד מְאֹד מְאֹד״, דער רבי האט זייער מקפיד געווען אויף די וואס פארברענגען צייט אין בית הכסא, ״וְהִתְלוֹצֵץ מֵאוֹתָן הָאֲנָשִׁים מְאֹד, וְהֶאֱרִיךְ הַרְבֵּה בְּעִנְיָן זֶה״, און דער רבי האט אסאך חוזק געמאכט פון זיי און אסאך גערעדט אנטגעקן דעם. און נאכדעם וואס דער רבי האט געענדיגט דעם שמועס האט דער רבי געזאגט ״איך פריי מיר זייער אז עס איז געווארן פון דעם א שמועס״; עד כדי כך האט דער רבי נישט געוואלט מען זאל זיצן לאנג אין בית הכסא. זעט מען פון דעם אז עס איז נישט כדאי זיך צו צוגעוואוינען צו ליינען און הערן האט-ליינס אין בית הכסא, און דער רבי פירט אויס דעם שיחה: ״וַאֲפִילוּ אִם לִפְעָמִים הוּא מֻכְרָח לְהַאֲרִיךְ, טוֹב לָצֵאת וְלַחֲזֹר מִלֵּישֵׁב הַרְבֵּה שָׁם״, אפילו אויב מען דארף זיך פארזוימען וכו׳ זאל מען ענדערש ארויסגיין און נאכדעם צוריק גיין נאכאמאל.

א ליכטיגן חנוכה און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~

**אכטונג געבן ס׳זאל נישט ארויס גיין א שלעכטע נאמען אויפן צדיק.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויגש, ב׳ דראש חודש טבת, נר ז׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~

מיט דעם וואס דו פירסט זיך מיט דרך ארץ און דו ביסט צניעות׳דיג מאכסטו א גרויסע נחת רוח פארן הייליגן באשעפער, אזוי אויך מאכסטו נחת פאר דיינע חשוב׳ע עלטערן שיחיו און דו מאכסט א גוטע נאמען פאר ברסלב.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן סט): ״מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע״, ווער עס האט ליב דעם צדיק, דארף אכטונג געבן עס זאל נישט ארויס גיין א שלעכטע נאמען אויפן צדיק; מענטשן קוקן נאך יעדע ברסלב׳ע חסיד און ווען מען זעט ווי שיין און איידל מיר פירן זיך גייט ארויס א גוטע נאמען אויפן רבי׳ן.

זאג יעדן טאג תהילים; אין תהילים ליגן אלע ישועות.

א ליכטיגן חנוכה און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~~

**ביים רבי׳ן איז געווען דרך ארץ די ערשטע זאך.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויגש, ב׳ דראש חודש טבת, נר ז׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו פירסט זיך מיט דרך ארץ; אלע דיינע טיטשערס - סיי די אידישע טיטשערס און סיי די ענגלישע טיטשערס - זאגן אז דו ביסט א בעלת דרך ארץ.

נאר א מיידל וואס פירט זיך מיט דרך ארץ איז א ברסלב׳ע מיידל, ווייל ביים רבי׳ן איז געווען דרך ארץ די ערשטע זאך. דער הייליגער רבי האט געזאגט: ״איך קען יעדן העלפן, אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פונעם אייבערשטן, חוץ אן עזות פנים״; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, כ): ״עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם״.
~~~~~~~~~~~

דאס וואס דו פרעגסט צי מען קען זאגן תהילים ביינאכט; מוהרא"ש ברענגט נאך פון ספר אשל אברהם פון הרב הקדוש מבוטשאטש זכרונו לברכה (אורח חיים, סימן רלח, סעיף ב) וואו ער פסק'נט אז מען קען זאגן תהילים ביינאכט, ווייל מען זאגט דאס צו מתפלל זיין און צו דאנקען דעם אייבערשטן.

א ליכטיגן חנוכה און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~

**א ישיבה גייט נישט צוזאמען מיט א תלמוד תורה.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויגש, ב' דראש חודש טבת, נר ז' דחנוכה, שנת תע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר, מלמד בתלמוד תורה היכל הקודש ברסלב.**

איך וויל דיר בעטן, אז היות מיר האבן נישט קיין באזונדערע פלאץ פאר די בחורים און אינגלעך צו עסן, און ביז דערווייל עסן אלע אין איין עס-זאל, זאלסטו אכטונג געבן אז בשעת די קינדער עסן זאלן זיך נישט געפונען קיין בחורים אין לאנטש-רום; א ישיבה גייט נישט צוזאמען מיט א תלמוד תורה.

האב נישט מורא צו זאגן פאר די בחורים - די נמושות - וואס פארזוימען זיך אז זיי זאלן ארויס גיין בשעת די קינדער געפינען זיך דארט.

געב דאס איבער פאר אלע מלמדים.

א ליכטיגן חנוכה און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~

**ביים רבי'ן איז שלום בית געווען א גרויסער עיקר.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויגש, ב' דראש חודש טבת, נר ז' דחנוכה, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

דאס איז מיין גאנצע נחת - צו הערן ווי איר לעבט א שיין לעבן, ווי איר שרייבט אז אייער מאן נרו יאיר מאכט שיינע שבת סעודות, ער זינגט זמירות און דערציילט שיינע זאכן, ער פירט זיך ווי א ברסלב'ע חסיד.

מענטשן מיינען אז עס איז א רחמנות אויף די ברסלב'ע פרויען ווייל זייערע מענער לאזן זיי איבער ראש השנה אליינס; ווען די וועלט וואלט געוויסט ווי אזוי א ברסלב'ער חסיד פירט זיך אויף צו זיין ווייב א גאנץ יאר וואלטן אלע מקנא געווען די ברסלב'ע פרויען.

עס איז נישט דא נאך א פלאץ וואו מען זאל לייגן אזא דגוש אויף 'שלום בית' ווי ביים רבי'ן, ווייל 'שלום בית' איז א יסוד היסודות אין ברסלב; מיר פארן טאקע אוועק איין מאל א יאר קיין אומאן אויף ראש השנה און מיר פאלגן דעם רבי'ן וואס האט אונז געהייסן קומען צו אים קיין אומאן אויף ראש השנה, אבער א גאנץ יאר פאלגן מיר אויך דעם רבי'ן וואס האט אונז געהייסן מכבד זיין די ווייב.

בנוגע רעדן אידיש וכו'; עס איז זיכער בעסער אז איר וועט רעדן אידיש צו אייערע קינדער, בפרט אז זיי קומען ביי אונז אין מוסד וואס אידיש איז דער שפראך וואס אלע רעדן, אזוי וועלן זיי נישט ווערן צעמישט.

בענין איבער טייטשן די שאלות ותשובות פון עצתו אמונה אויף ענגליש; הלוואי זאלט איר ווייטער ממשיך זיין עס איבער צו טייטשן און מיר עס שיקן אז מען זאל דאס קענען דרוקן פאר די וואס קענען נישט קיין אידיש.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז איר זענט מכיר וואס די מלמדים טוען פאר אונזערע קינדער; אלע מלמדים ביי אונז אין מוסד זענען אויסנאם גוטע מלמדים.

דאס איז די ערשטע אויף די ליסט פון מיינע תפילות יעדן טאג צום אייבערשטן, אז מיר זאלן האבן מלמדים און טיטשערס יראי השם וואס וועלן אויפשטעלן א דור ערליכע אידן פארן אייבערשטן.

א ליכטיגן חנוכה און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~

**העלפט די מוסד, וואס דורכדעם העלפט איר זיך אליינס.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויגש, ב׳ דראש חודש טבת, נר ז׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד די טייערע עלטערן פון אונזער מוסד היכל הקודש, שיחיו.**

חסדי השם יתברך אז די מוסד איז זיך צעוואקסן בלי עין הרע; מיר האבן אנגעהויבן דעם מוסד מיט בלויז געציילטע קינדער און יעצט האבן מיר קיין עין הרע א שיינע צאל תלמידים וואס צוליב דעם האבן מיר געדארפט פארברייטערן די שטאב און אויפנעמען נאך מלמדים און נאך טיטשערס. איין וואך וועידזשעס קאסט אפ פארן מוסד פערציג טויזנט דאללער; די מלמדים קאסטן אפ פינף טויזנט דאללער א וואך און אזוי אויך די טיטשערס, קומט אויס א חודש - צוואנציג טויזנט דאללער פאר די מלמדים און נאך צוואנציג טויזנט דאללער פאר די טיטשערס.

מיר גייען יעצט אריבער א שווערע צייט אינעם מוסד; מיר זענען שולדיג פאר די מלמדים און טיטשערס זייער געהאלט און מיר האבן דאס נישט פון וואו צו צאלן.

היינט נאכט - זאת חנוכה - איז זייער א גרויסע טאג; עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים אז מען קען פועל׳ן גרויסע ישועות אין דעם טאג. בעט איך ענק: ״העלפט די מוסד וואס דורכדעם העלפט איר זיך אליינס; העלפט אייערע קינדערס מלמדים און טיטשערס זיי זאלן באקומען באצאלט כדי זיי זאלן האבן
~~~~~~~~~~

יישוב הדעת צו קענען אריין לייגן אין די קינדער תורה ויראת שמים אן קיין אנגעצויגנקייט״.

איך האף אז איר וועט אננעמען די פאר ווערטער וואס קומט ארויס פון מיין צעבראכענעם הארץ.

...

~~~~~~~~~~

**ווארט מיט געדולד, וועסטו האבן א גליקליך לעבן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויגש, ב׳ דראש חודש טבת, נר ז׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו חבר׳סט זיך נאר מיט ערליכע מיידליך; זייער גוט האסטו געטון אז דו האסט אפגעלאזט די מיידל וואס דריידט זיך מיט בחורים, זאלסט נאר רעדן מיט מיידלעך וואס רעדן איידל. מוהרא״ש האט אונז אויסגעזאגט דעם סוד ווי אזוי מען קען זען אויף א צווייטן צי ער איז ערליך אדער נישט, אז מען זאל זיך צוהערן ווי אזוי ער רעדט, ווייל וואס דער מענטש איז און וואס ער טראכט - קומט ארויס ווען ער רעדט.

עס טוט מיר זייער וויי צו הערן וואס דו גייסט אריבער וכו׳; איך בעט דיר זייער שטארק זיך און ווארט אויס אויף דיין ישועה. נאך אביסל וועסטו זוכה זיין צו טרעפן דיין שידוך און אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

חזר זיך כסדר די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט (כוכבי אור, סיפורים נפלאים): עס איז געווען א גוי וואס האט זיך געדריידט מיט ארימעלייט און ער האט געהערט ווי די אידן שמועסן צווישן זיך אז נאך אביסל קומט שוין דער יום טוב פסח; האט ער זיך אינטערסירט וואס איז דאס פסח, האט מען אים דערציילט ווי שיין דער יום
~~~~~~~~~~

טוב איז, מען פראוועט א סדר, און אלע אידן - אפילו ארימלייט - עסן א געשמאקע רייכע סעודה; מען זיצט ביים טיש ווי קעניגן, מען עסט און מען טרינקט און מען איז פריילין. די ארימעלייט האבן אים געזאגט אז עס לוינט זיך צו פאסטן אפאר טעג פאר יום טוב כדי מען זאל זיין גוט הונגעריג צום סדר. דער גוי האט געטראכט צו זיך: 'איך מוז דאס אויספרובירן; איך וועל זיך פארשטעלן ווי א איד אז איך זאל כאטש איין מאל אין לעבן האבן א גוטע סעודה'.

פסח ביינאכט האט זיך דער גוי איינגעלאדנט ביי א איד צו זיין ביי אים ביים סדר, ענדליך הייבט מען שוין די סדר, ער זיצט ביים סדר און ער ווארט צו עסן די שיינע סעודה, ווען עס איז געקומען צו מרור און ער האט שוין נישט אויסגעהאלטן זיין הונגער, האט ער געטראכט צו זיך אז מען האט אים דא זיכער אויסגעשפילט, ווייל ער ווארט אזוי לאנג אויף די סעודה און מען דרייט ארום מיט אים. האט ער זיך אויפגערעגט און אנטלאפן.

שפעטער ווען ער האט געטראפן זיינע חברים האט ער זיי דערציילט די גאנצע מעשה, אז מען האט אים געלאזט אויסהונגערן ביז מען האט אריין געברענגט א שארפע עסן וכו' וכו', האבן זיי אים געזאגט: **"א שאד דו ביסט אנטלאפן פאר שלחן עורך, ווען דו ווארסט ווען אויס נאך אביסל וואלסטו געהאט א הערליכע סעודה"**.

ווארט אויס מיט געדולד וכו' אז דו זאלסט נישט אויסקוקן ווי דער גוי וואס איז אנטלאפן פאר שלחן עורך; נאך אביסל הייבסטו אן לעבן דיין לעבן און דו וועסט בויען א שטוב לשם ולתפארת. ווי מער דו וועסט בעטן דעם אייבערשטן פאר דיין שידוך וועט עס זיין שענער און בעסער.

א ליכטיגן חנוכה און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**א מיידל זאל נישט גיין אליין צום ציון.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויגש, ב' דראש חודש טבת, נר ז' דחנוכה, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז נישט גוט אז דו זאלסט גיין אליינס צום ציון פון הייליגן סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו אין קרית יואל, אפילו עס איז זייער א גרויסע זאך צו גיין צו א ציון פון א צדיק.

ביי ברסלב'ע חסידים גייט מען אסאך אויף קברי צדיקים - סיי מענער און סיי פרויען, אבער ווי באלד אין קרית יואל ביי סאטמארע חסידים איז דאס נישט איינגעפירט - און זיכער נישט ביי פרויען, און נאכדערצו אז אויבן פונעם בארג, ממש ביים ציון געפונט זיך די סאטמארע ישיבה, איז אז דו וועסט ארויף גיין דעם בארג צום בית החיים וועלן זיי דאס נישט פארשטיין און עס וועט ארויס קומען פראבלעמען וד"ל.

אז דו ווילסט גיין צום ציון מתפלל זיין זאלסטו גיין נאר מיט דיין טאטע אדער מיט דיין מאמע מקיים צו זיין וואס עס שטייט (משלי ג, ד): "וּמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וְאָדָם", און די הייליגע חכמים דרש'נען אויף דעם (שקלים יד:): "אָדָם צָרִיךְ לָצֵאת יְדֵי הַבְּרִיּוֹת כְּדֶרֶךְ שֶׁצָּרִיךְ לָצֵאת יְדֵי הַמָּקוֹם", א מענטש דארף אכטונג געבן אז אנדערע מענטשן זאלן נישט טראכטן נישט גוטע זאכן אויף אים.

עס איז דא נאך א וועג ווי אזוי דו קענסט זיך מתבודד זיין ביי א ציון פון א צדיק; דו קענסט טון אזוי ווי אנשי שלומינו פירן זיך, צו עפענען א ספר פון א צדיק און דארט אויפן ספר איז מען זיך מתבודד צום אייבערשטן, דאס איז אזוי ווי מען געפונט זיך ביים ציון פונעם צדיק, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קצב) אז דער פנים, שכל און נשמה פונעם צדיק קען מען טרעפן אין זיין ספר.

מיר געפונען די זעלבע ווערטער אינעם ספר "ישמח לב" (מסכת שבת, דף תקיא) פונעם הייליגן צדיק רבי נחום מטשערנאביל זכותו יגן עלינו וואס ברענגט דאס

בשם הבעל שם טוב זי"ע, אז ווען מען לערנט די ווערטער פון א צדיק איז אזוי ווי מען איז זיך משתטח אויפן קבר פון דעם צדיק, אזוי ווי עס שטייט (יבמות צז.): "שִׂפְתוֹתָיו דּוֹבְבוֹת בַּקֶּבֶר", אז דאס גייט ארויף ווען מען לערנט א דיבור פון א צדיק הייסט דאס ווי מען איז זיך משתטח ביי זיין קבר, עיין שם.

ענדערש זאלסטו זיצן אין שטוב און זיך מתבודד זיין אויפן תהילים און נאך יעדע קאפיטל תהילים וואס דו זאגסט זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן פאר דיר, דיינע עלטערן און פאר אלע אידן.

זארג נישט, נאך אביסל וועסטו טרעפן דיין שידוך.

א ליכטיגן חנוכה און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~~

**קוק אויף די גוטע זאכן, נישט אויף די שוועריקייטן.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויגש, ב' דראש חודש טבת, נר ז' דחנוכה, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב געליינט אייער בריוו און איך האב גרויס רחמנות אויף אייך אז איר דארפט דאס אלעס אריבער גיין; איך וויל נישט נעמען קיין צד אין די גאנצע זאך, איך וויל נאר אויסדרייען אייערע אויגן און מח איר זאלט אביסל קוקן אויף די אנדערע זייט פון אייער לעבן.

אמת טאקע איר גייט אריבער א שווערע צייט יעצט וכו'; איך טראכט זייער אסאך פון אייך וואס איר דארפט אריבער גיין און איך זאג כסדר פאר אייער טייערער מאן נרו יאיר אז איך האב רחמנות אויף אייך וכו', אבער געבט א קוק די ניסים וואס דער אייבערשטער האט מיט אייך געטון, איר האט טייערע ליכטיגע קינדער: יִרְאֵי אֱלֹקִים, אַנְשֵׁי אֱמֶת, זֶרַע קוֹדֶשׁ - עס איז ממש מקיום געווארן ביי
~~~~~~~~~~~

אייך די תפלה וואס אלע אידישע מאמעס בעטן בשעת׳ן ליכט צינדן; דארפט איר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם, איר דארפט זאגן יעדן טאג ׳נשמת כל חי׳ - זינגען דעם לויב צום אייבערשטן אויף אזעלכע ליכטיגע קינדער.

איך בעט אייך זייער איר זאלט ליינען דעם בריוו יעדן טאג; איך האף אז ווען איר וועט ליינען די פאר ווערטער וועט דאס זיין גענוג פאר אייך איר זאלט אביסל קענען מסיח דעת זיין פון וואס איר גייט יעצט אריבער וכו׳, און עס וועט אייך געבן אביסל כח ווייטער צו פלאנצן און באארבעטן אייער גארטן מיט פרישע חיות.

א ליכטיגן חנוכה און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~

**היינט איז ״די טאג״ ארויסצוגיין פון אלע עבירות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ויגש, ב׳ טבת, זאת חנוכה, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט איז זייער א גרויסער טאג; היינט איז דער גמר החתימה. וויל איך דיר וואונטשן א ברכה, אז דער אייבערשטער זאל שענקען שפע ברכה והצלחה פאר דיר, דיין משפחה און פאר אלע אידן.

הגם איך האב דיר שוין עטליכע מאל געשריבן וועל איך דיר נאכאמאל שרייבן כדי דיר צו מחזק זיין דו זאלסט אכטונג געבן אויף דיין לעבן און זיך היטן די אויגן נישט צו קוקן קיין שמוציגע זאכן.

דו ווייסט אוודאי די מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט ביים רבי׳ן אין שטוב איינמאל פאר פסח ווען מען האט איבער געפארבט די דירה און דעם רבינ׳ס טאכטער די צדיקת אדל האט געהאלפן מסדר זיין די דירה און איבער דעקן די
~~~~~~~~~~

מעבל וכו' אז עס זאל נישט ווערן שמוציג. אויפן וואנט האט געהאנגען א טייערע זייגער, האט אדל גענומען א פרויען טיכל און איבער געדעקט דערמיט דעם זייגער אז עס זאל נישט שמוציג ווערן, האט איר דער רבי געזאגט: **"מיט דעם דעקסטו איבער די זייגער? דו ווייסט נישט אז ס'איז דא אזעלכע שוואכע מוחות, ווען זיי זעען נאר א פרויען טיכל באקומען זיי שוין שלעכטע מחשבות?! נעם עס אראפ און דעק עס איבער מיט א צווייטע זאך"**; פרעג איך דיר טייערער ... נרו יאיר, וואס וואלט דער רבי געזאגט וועגן א סמארט-פאון? אויב א פרויען טיכל האט דער רבי נישט געוואלט מען זאל לייגן אויפן זייגער ווייל מען קען נכשל ווערן מיט שלעכטע מחשבות, איז דאך זיכער אז דער רבי וואלט ווען געזאגט אז עס איז נישט כדאי צו האבן א סמארט-פאון וואס נעמט אוועק די מח, קאפ און הארץ, און עס גייט אויפן חשבון פון די ווייב און קינדער, און ליידער זענען שוין זייער אסאך אידישע שטובער חרוב געווארן צוליב דעם.

היינט זאת חנוכה מאך זיך א גוטע החלטה נישט צו האבן א אפענע טעלעפאן וואו מען קען חס ושלום זען עבירות; טו עס פאר דיר און דיין ווייב תחי', פאר די עתיד פון דיינע קינדערלעך און פאר אנדערע אידן עס זאל זיין א זכות פאר זיי.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין מ:): "תָּנוּ רַבָּנָן, לְעוֹלָם יִרְאֶה אָדָם עַצְמוֹ כְּאִילוּ חֶצְיוֹ חַיָּב וְחֶצְיוֹ זַכַּאי", א מענטש זאל טראכטן אז ער איז האלב גוט און האלב מיט עבירות, "עָשָׂה מִצְוָה אַחַת אַשְׁרָיו שֶׁהִכְרִיעַ עַצְמוֹ לְכַף זְכוּת", - מיט איין מצוה וואס ער טוט איז מען אים דן לכף זכות, "עָבַר עֲבֵירָה אַחַת אוֹי לוֹ שֶׁהִכְרִיעַ אֶת עַצְמוֹ לְכַף חוֹבָה", און מיט איין עבירה וואס ער טוט איז מען אים דן לכף חוב, ווי איז אים אז ער האט זיך צוגעברענגט מען זאל אים דן זיין לכף חוב, אזוי ווי עס שטייט (קהלת ט, יח): "וְחוֹטֶא אֶחָד יְאַבֵּד טוֹבָה הַרְבֵּה", צוליב איין עבירה פארלירט ער אלעס גוטס.

עס איז א גרויס רחמנות אויף דיר אז דו ביסט נעבעך אריין געפאלן אין די מחלה פון קוקן עבירות; די תורה זאגט (דברים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", זאגט מוהרא"ש זכרונו לברכה אז דאס גייט ארויף אויף שמירת עינים; מען קען זען ווי מענטשן ווערן פשוט משוגע פון קוקן שמוץ, עד כדי כך אז מען קען זיצן שעות אויף שעות מיט א טעלעפאן וכו' און קוקן נאך עבירות און נאך עבירות, דאס איז ממש א קראנקהייט וואס מען קען נישט ארויסקריכן פון

דעם נאר דורך אסאך תפילה און בכיות צום אייבערשטן; דערפאר זאלסטו היינט ׳זאת חנוכה׳ וויינען צום אייבערשטן אז ער זאל דיר ראטעווען פון דעם און ראטעווען דיין ווייב און קינדער און אלע אידן פון שלעכטס.

איך שרייב דיר א קליינע תפילה דיר צו געבן א וועג ווי אזוי אנצוהייבן בעטן, דער עיקר זאלסטו צולייגן דיינע אייגענע תפילות און בקשות זיך ארויס רעדן און אויס וויינען צום אייבערשטן ער זאל שוין רחמנות האבן אויף דיר. טייערער ...,, פאלג דעם רבי׳ן, זוך דיר א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, דארט זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן, פארצייל אים אלעס וואס עס גייט אריבער אויף דיר, אלע שלעכטע מחשבות וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אין דיר, בעט אים: ״רבונו של עולם האב אויף מיר רחמנות, איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל האבן ריינע אויגן און נישט קוקן שמוציגע מאוויס און שמוציגע קליפס, אבער וואס זאל איך טון אז איך האלט אין איין אראפ פאלן? איך שפיר אז איך ווער פארברענט, די תאות ניאוף פלאקערט אין מיר, הייליגער באשעפער ראטעווע מיר, איך וויל אזוי שטארק זיין אן ערליכער איד, אבער איך האלט אין איין צוריק פאלן. איך האלט אין איין קוקן שמוץ און נאכדעם פאל איך דורך אין די עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, איך בין אזוי צעבראכן, ממש דער לעבן איז מיר נמאס.

רבונו של עולם איך ווייס נישט וואס צו טון; יעדעס מאל זאג איך דיר צו אז איך גיי זיין גוט און נאכדעם פאל איך נאכאמאל אריין אין מיינע שלעכטע מעשים, איך בין אזוי צוגעקלעבט צו קוקן עבירות אז איך זע נישט א וועג ארויס. נאר דו קענסט מיר העלפן; איך בעט דיר אייבערשטער לייג אריין אין מיר א רוח טהרה אז איך זאל נישט קוקן קיין שלעכטס און נישט טון קיין שלעכטס״. אזוי זאלסטו רעדן צום אייבערשטן, זאלסט אים בעטן ער זאל דיר געבן כח ארויס צו גיין פון אלעם שלעכטס.

אין דעם זכות וואס דו וועסט היטן דיינע אויגן וועסטו האבן פרנסה בריווח; מוהרא״ש זאגט ווער עס היט זיך די אויגן וועט האבן פרנסה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קמה, טו): ״עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ״, ׳יְשַׂבֵּרוּ׳ - קען מען ליינען מיט א שין: ״עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ ׳יְשַׁבֵּרוּ׳״, אז מען צעברעכט די אויגן -

דאס הייסט מען קוקט נישט קיין עבירות, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" - וועט דער אייבערשטער געבן פרנסה אין צייט.

היינט איז א הייליגע טאג, "הַיּוֹם תְּאַמְּצֵנוּ, הַיּוֹם תְּבָרְכֵנוּ, הַיּוֹם תְּגַדְּלֵנוּ", היינט אנטלויף פונעם שטן און ווארף אוועק דיין טעבלעט; פון מענטשן קען מען זיך באהאלטן אבער פונעם אייבערשטן קען מען זיך נישט באהאלטן. וויסן זאלסטו אז "אֱלֹהֵיהֶם שֶׁל אֵלּוּ - שׂוֹנֵא זִימָּה הוּא (סנהדרין קו.)", דער אייבערשטער האט פיינט ניאוף, דערפאר זאלסטו תשובה טון און דערציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס דו גייסט אדורך, פונעם אייבערשטן קען מען זיך נישט באהאלטן, אזוי ווי דער נביא ירמיהו זאגט (ירמיהו כג, כד): "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'", ווי קען זיך א מענטש באהאלטן פון מיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'", דער אייבערשטער איז דאך איבעראל.

פאלג מיר טייערער ברודער; אנשטאט זיך באהאלטן מיט א טעבלעט, אייפאד, סמארט-פאון און קוקן נאכאמאל שמוץ, פרענקס און מיסט, באהאלט זיך און רעד זיך אויס דיין הארץ צום אייבערשטן, וויין צו אים: **"רבונו של עולם העלף מיר, ראטעווע מיר, איך ווער פארברענט פון קוקן עבירות".**

איך שרייב דיר א בריוו פאר דיין ווייב, געב איר עס איבער נאך היינט 'זאת חנוכה'.

א ליכטיגן זאת חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**די תפילות פון פרויען זענען זייער חשוב ביים אייבערשטן; דורכן גיין אנגעטוען און זיך פירן בצניעות איז מען זוכה צו גוטע קינדער און צו אלעס גוטס.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויגש, ב' טבת, זאת חנוכה, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**
~~~~~~~~~~~

היינט איז זייער א גרויסע טאג, היינט איז דער גמר החתימה פון די הייליגע טעג; מען קען היינט באקומען גרויסע ישועות פונעם אייבערשטן. דערפאר זאלט איר בעטן פאר אייך און אייער מאן און קינדער און פאר אלע אידן אז אלע זאלן זיין געזונט און האבן נחת פון די קינדער וכו' וכו'.

דער הייליגער רבי האט זייער אויסגעלויבט די תפילות פון פרויען; מען האט אמאל געזאגט פארן רבי'ן אז דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "ווען משיח וועט קומען וועט מען מבטל זיין אלע ווייבער שולן", האט דער רבי געזאגט: "עס איז נישט אמת, עס קען נישט זיין אז דער בעל שם טוב האט דאס געזאגט, פונקט פארקערט! משיח וועט קומען בזכות די תפילות פון אידישע פרויען וואס זיי דאווענען און בעטן אז משיח זאל קומען".

היינט זאת חנוכה וועלן מיר פועל'ן ישועות פאר אונזער שטוב, אייער גאנצע שטוב קען זיך היינט טוישן לטובה. מען קען היינט פועל'ן געזונט, קינדער, נחת פון קינדער, פרנסה און אלעס וואס מען דארף, אבער דער אייבערשטערווארט מען זאל אים אריין לאזן אין שטוב, דורך דעם וואס מען פירט בצניעות.

אז מען גייט נישט אנגעטון צניעות'דיג טרייבט מען אוועק כביכול דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה (דברים כג, טו): "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ, לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דער אייבערשטער זאגט: איר זאלט זיך פירן הייליג, ווייל אויב איר וועט זיך פירן נישט צניעות'דיג וועל איך אוועק גיין פון צווישן אייך; אויב א פרוי געבט אכטונג ווי אזוי זי טוט זיך אן, זי גייט נאר אנגעטון צניעות'דיג, זאגט דער אייבערשטער: 'איך וועל רוען ביי אייך אין שטוב', און אז דער אייבערשטער איז אין שטוב איז דא א ברכה, איז דא פרנסה, איז דא נחת, ס'איז דא אלעס; אבער אויב די פרוי גייט נישט אנגעטון צניעות'דיג, טרייבט זי ארויס דעם אייבערשטן פון איר שטוב.

היינט איז זייער א הייליגע טאג, זאלט איר זיך פארנעמען מוסיף זיין קדושה, מוסיף זיין בצניעות; איר ווילט דאך אודאי גוטע קינדער! איר ווילט דאך זיכער ערליכע דורות! דארפן מיר נעמען די עצה וואס דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות,

אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות'דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער.

מוהרא"ש האט מיר געזאגט איך זאל אסאך רעדן צו די פרויען אז זיי זאלן זיך אפשערן די האר און זיי זאגן וואס דער זוהר הקדוש זאגט (נשא קכה:): "'תּוּנְבָּא לֵיתֵי' א קללה זאל קומען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אויף דעם מענטש, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וואס לאזט זיין ווייב, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אז איר האר פון קאפ זאל זיך ארויסזען, 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָה', און דאס איז פון די יסודות פון א אידישע שטוב, אז מען זאל נישט זען די האר פון די פרוי; 'וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זיך שיין צו מאכן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' איז זי גורם אז עס זאל זיין ארימקייט אין שטוב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' און זי איז גורם אז די ס"מ און די נישט גוטע זאלן זיין אין איר שטוב. זאגט ווייטער דער זוהר: 'מַאן גָּרִים דָּא?' ווער איז דאס אלעס גורם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס". און פארקערט איז נאך מער, א פרוי וואס געבט אכטונג אז אירע האר זאל זיך נישט ארויסזען, וועט האבן אלע ברכות און זי וועט האבן נחת פון אירע קינדער.

איך בעט אייך זייער שטארק איר זאלט זיך פארנעמען נישט צו גיין מיט די אייגענע האר; אלע צרות קומען פון דעם וואס די פרוי גייט מיט אירע האר. מען וואלט געקענט איינשפארן אזויפיל צרות ווען מען שערט זיך אפ די האר.

מען קען זיך גארנישט פארשטעלן די שכר פון א פרוי וואס געבט אכטונג אז איר האר זאל זיך נישט ארויס זען אפילו אין שטוב, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (יומא מז.): "שִׁבְעָה בָּנִים הָיוּ לָהּ לְקִמְחִית", עס איז געווען א פרוי וואס האט געהייסן קמחית און זי האט געהאט זיבן קינדער, "וְכֻלָּן שִׁמְּשׁוּ בִּכְהוּנָּה גְּדוֹלָה", און אלע זענען געווען כהנים גדולים. "אָמְרוּ לָהּ חֲכָמִים: מַה עָשִׂית שֶׁזָּכִיתָ לְכָךְ?" האבן די חכמים איר געפרעגט: וואס האסטו געטון אז דו האסט זוכה געווען צו דעם? "אָמְרָה לָהֶם: מִיָּמַי לֹא רָאוּ קוֹרוֹת בֵּיתִי קְלָעֵי שַׂעֲרִי", האט זי געזאגט פאר די חכמים: איך האב אייביג אכטונג געגעבן אז די ווענט און די דאך פון מיין הויז זאלן נישט זען מיין האר.

א ליכטיגן זאת חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**לימוד התורה גיבט די כחות זיך צו שלאגן מיטן יצר הרע.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ויגש, ג׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב זייער הנאה צו הערן פון דיר אז דו האסט זיך מחי׳ געווען מיט די בריוו וואס איך האב דיר געשריבן בענין חיזוק אויף שמירת עיניים. דעריבער וועל איך דיר שרייבן נאך אביסל חיזוק אין דעם ענין.

וויסן זאלסטו טייערער ליבער ברודער אז מיר האבן א גרויסע רבי וואס האט פאר אונז ליכטיגע עצות; ווער עס פאלגט די עצות דער לעבט א גוט לעבן. דערפאר זאלסטו זיך קובע זיין א שיעור אין רבינ׳ס ספרים וועסטו האבן חיזוק אנצוגיין אין לעבן.

לערן די תורה אין ליקוטי מוהר״ן די ערשטע חלק (סימן עב) וואו דער רבי זאגט אז ווער עס האט נאר אביסל שכל און טראכט פונעם אייבערשטן איז ביי אים די גאנצע תאוה פון ניאוף א שטות און אן עקל און עס איז אים ניטאמאל א נסיון בכלל; לערן די תורה און בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט האבן שכל נישט צו קוקן קיין עבירות.

דו ביסט צו שוואך זיך צו קריגן מיטן יצר הרע, א מענטש קען זיך נישט קריגן מיט א מלאך, נאר אז מען לערנט תורה האט מען די כחות זיך צו קריגן מיטן יצר הרע. דעריבער האט אונז מוהרא״ש אזויפיל געבעטן - נאכאמאל און נאכאמאל - אז מיר זאלן לערנען תורה, און אפילו אז מיר פארשטייען נישט זאלן מיר זאגן די ווערטער - די אותיות פון די תורה, כדי מיר זאלן זיך קענען קריגן מיטן יצר הרע.
~~~~~~~~~~~

יעצט לערנען מיר מסכת חולין וואו מען לערנט די הלכות פון שחיטה; די מסכתא הייבט זיך אן מיט די ווערטער: "הַכֹּל שׁוֹחֲטִין וּשְׁחִיטָתָן כְּשֵׁרָה", אלע קענען שחט'ן, דאס איז א רמז אז אויב מען לערנט תורה שחט מען דעם ס"מ, און ביי דעם איז אויך דער דין אז אלע קענען שחט'ן דעם יצר הרע דורך לערנען תורה אויף סיי וואס פאר א אופן; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאלסטו זאגן יעדן טאג דעם דף גמרא.

אויך וויל איך דיר בעטן נאכאמאל: "גיי אהיים צו דיין ווייב!" אנשטאט זיצן אין קאר מיט דיין טעלעפאן און שפילן דערויף א געים, זאלסטו ענדערש שפילן מיט דיין ווייב א געים; אנשטאט לאכן צו דיין טעלעפאן ווייז א שמייכל פאר דיין ווייב.

איך דארף לויפן צו די בחורים; זיי האבן נישט קיין ווייב און זיי ווארטן אויף חיזוק.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**פון יעדע פראבלעם קען מען ארויס גיין 'אויב מען וויל'.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ויגש, ג' טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך קען נישט קומען צו מיר פון ליינען אין דיין בריוו וואס דו מאכסט נעבעך מיט, אז דיין ווייב וויל נישט זיין צוזאמען מיט דיר השם ישמרינו, צוליב די טראומע וואס זי איז אריבער אין איר יוגנט פון א מניוול רחמנא לצלן.

ליידער רעדט מען נישט צו קינדער איבער די וויכטיגקייט זיך צו היטן פון שלעכטע מענטשן - בפרט ביי מיידלעך וואס זיי דארפן א ספעציעלע שמירה, אזוי
~~~~~~~~~~~

ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא נשא, י): אויפן פסוק (במדבר ו, כד): "יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ", אז די ברכה פון "יְבָרֶכְךָ" מיינט מען "בְּבָנִים", דער אייבערשטער וועט דיר בענטשן מיט קינדער, און די ברכה פון "וְיִשְׁמְרֶךָ" מיינט מען "בְּבָנוֹת", אז דער אייבערשטער וועט אפהיטן דיינע טעכטער, ווייל מיידלעך דארפן האבן מער שמירה ווי זון; אח און וויי פאר די וואס ווערן געשעדיגט פון די סארט קראנקע מענטשן, דאס לויפט זיי נאך זייער גאנץ לעבן השם ישמרינו.

איך שיק דיר דא א בריוו פאר דיין ווייב מיט עצות פון הייליגן רבי'ן ווי אזוי מען קען ארויס קריכן פון די ביטערע פרשה; אז דיין ווייב תחי' וועט אננעמען דעם רבינ'ס עצות וועט זי זיך אינגאנצן ארויס דרייען פון דעם.

ביז דערווייל זאלסטו דיר שטארקן מיט אלע כוחות צו זיין פריילך - אפילו עס איז דיר זייער שווער; גלייב מיר, איך ווייס וואס דו גייסט אריבער, ווייל ליידער ביסטו נישט דער איינציגסטער מיט דעם פראבלעם אז די ווייב וויל נישט לעבן מיטן מאן ווייל מען האט איר באצווינגען מיט עבירות, איך הער די מעשיות נעבעך זייער פיל מאל. מענטשן וואונדערן זיך פארוואס מען רעדט אזוי שארף אויף די מניוולים, אזוי ווייט אז מוהרא"ש האט געזאגט אז איינער וואס טשעפעט קינדער דארף מען ארעסטירן און ער דארף ווערן פאר'משפט פאר לעבנסליכע תפיסה, און מער קיינמאל נישט זען די שיין פונעם זון; דאס איז ווייל די מניוולים זענען אויסערגעוועהנליכע רוצחים, די קינדער וואס גייען אריבער דעם טראומע ליידן דערפון במשך זייער גאנצע לעבן - השם ישמרינו.

בעט דעם אייבערשטן ער זאל דיר העלפן און העלפן דיין ווייב זי זאל פארגעסן פון איר עבר און זי זאל קענען אנהייבן א נייע לעבן.

...

**לכבוד מרת ... תחי'.**

אייער מאן האט מיר געשריבן איבער וואס איר זענט אריבער אין אייער יוגנט רחמנא לצלן, דאס איז גורם אז איר זאלט נישט האבן א לעבן מיט אים און דאס מאכט אייך בעצבות און מרה שחורה'דיג.

וויסן זאלט איר אז פון יעדע פראבלעם קען מען ארויס גיין 'אויב מען וויל'; עס איז נישט דא א פראבלעם וואס עס זאל נישט זיין פאר דעם א וועג ארויס.

געלויבט דעם אייבערשטן אויף די נס וואס ער האט אייך געמאכט אז איר האט געטראפן אזא טייערער מאן און איר האט שוין ליכטיגע קינדער; דארפט איר זיך זייער שטארק פרייען מיט די מתנות וואס דער אייבערשטער האט אייך געגעבן און נאר טראכטן פון אייער עתיד.

איר דארפט זיך זייער שטארקן און זיין זיכער מיט זיך (סעלף-קאנפעדענס), ווייל די אלע וואס גייען אריבער דאס וואס איר זענט אריבער השם ישמרינו פארלירן זייער זעלבסט זיכערקייט (סעלף-קאנפעדענס). דער דורכגאנג צעברעכט זיי אינגאנצן, עס ברענגט אריין אינעם מענטש א טיפע אינערליכע דיפרעשן און עס ברענגט צו ווערן שטענדיג אין כעס.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן אזעלכע ליכטיגע עצות, וואס ווער עס טוט די עצות קריכט ארויס פון אלע פראבלעמען. די ערשטע עצה איז שכחה; דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", ביי די וועלט איז שכחה א חסרון, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה'", אבער איך זאג אז שכחה איז א מורא'דיגע מעלה, ווייל ווען א מענטש וואלט געדענקט יעדע זאך וואס ער האט געטון וואלט ער נישט געקענט אנגיין ווייטער מיט זיין לעבן, ווייל עס וואלט אים געשטערט אלעס וואס ער האט געטון.

געדענקט דעם מאמר החכם: "הֶעָבָר אַיִן, וְהֶעָתִיד עֲדַיִן, וְהַהוֹוֶה כְּהֶרֶף עַיִן, דַּאֲגָה מִנַּיִן", וואס איז געווען איז געווען - איז דאך נישט ווערד זיך צו זארגן אויף וואס איז געווען; דער עיקר דארף מען קוקן אויף פאראויס, זוכן צו בויען א שיינע לעבן מיט אייער טייערער מאן און ליכטיגע קינדער.

געוואוינט אייך צו זיך אויס צו רעדן צום אייבערשטן; פארציילט אים אלעס וואס איר זענט אריבער. איר זאלט נישט דערציילן פאר קיינעם אייער עבר נאר פארן אייבערשטן אליינס, דאס וועט מאכן עס זאל ארויס גיין פון אייך. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ד) ווען א מענטש זינדיגט ווערן די

עבירות אריין געקריצט אין זיינעביינער, אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם" און דאס הרג'עט דעם מענטש, אזוי ווי עס שטייט (תהילים לד, כב): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", די עבירות פונעם מענטש טוען אים הרג'נען; אבער ווען א מענטש איז זיך מתוודה פארן אייבערשטן, ער פארציילט פארן אייבערשטן יעדע זאך וואס ער האט געטון און בעט דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף אים, דאן גייען ארויס אלע עבירות פון זיינע ביינער. דעריבער, אז איר וועט דערציילן פארן אייבערשטן אלע אייערע אלטע מעשים וועט דאס צושטייטליך ארויסגיין פון אייך ביז איר וועט עס אינגאנצן פארגעסן, וואס דאס איז א סימן אז דער אייבערשטער איז אייך מוחל אויף אלעמען, ווייל איר זענט נישט שולדיג, מען האט אייך דאך באצווינגען וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**וואס וועסטו האבן פון זיך בייסן די ליפן א גאנצן טאג? ענדערש עפן דיינע ליפן צום אייבערשטן, בעט אים ער זאל דיר העלפן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויגש, ד' טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דאס וואס דו האסט בלבולים וכו'; געדענק דעם מאמר החכם: "הֶעָבָר אַיִן", וואס איז געווען איז שוין געווען, "וְהֶעָתִיד עֲדַיִן", און וואס גייט זיין איז דאך נאך נישט דא "וְהַהוֹוֶה כְּהֶרֶף עַיִן", און די הוה איז דאך נישט מער ווי איין רגע, "דַּאֲגָה מִנַּיִן",איז דאך נישט שייך צו דאגה'נען.

דער הייליגער רבי האט אונז בפירוש געזאגט מען זאל זיך כסדר באנייען און פארגעסן פונעם עבר (שיחות הר"ן סימן כו); וואס וועט דיר העלפן דאגה'נען? וואס וועסטו האבן פון זיך בייסן די ליפן א גאנצן טאג? ענדערש עפן דיינע ליפן צום אייבערשטן, בעט אים ער זאל דיר העלפן.
~~~~~~~~~~

איך האב יעצט געהאט א מיטינג מיט די טיטשערס פון אונזער סקול 'בית פיגא'; וואס זאל איך דיר זאגן, עס איז ממש נישט צום גלייבן אז עס געפונט זיך א סקול וואו מען איז מחנך מיידלעך מיט די ריינע אמונה, און מען טוט אלעס מיט אזא איבערגעגעבנקייט. יעדע טיטשער פאר זי זאגט עפעס פאר א קינד מאכט זי התבודדות צי זי זאל יא זאגן און ווי אזוי צו זאגן, און ווען די מיידלעך גייען אהיים מאכן זיך די טיטשערס א חשבון הנפש איבער יעדע מיידל ווי אזוי זיי קענען מער אויפבויען דאס קינד; אשרינו מה טוב חלקינו.

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די מוסד; האברך היקר ... נרו יאיר דער מנהל המוסד האט מיר איבערגעגעבן אז דו האסט אים ארויסגעהאלפן.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**די "ווילן" טאר מען קיינמאל נישט אפלאזן!**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ויגש, ה' טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... ... נרו יאיר.**

זיי נישט אזוי געפאלן ביי דיר; מיר האבן א גרויסן באשעפער וואס פירט די וועלט מיט א מורא'דיגע פונקטליכקייט. גלייב אינעם אייבערשטן אז ער וועט דיר העלפן, און עס וועט דיר ליכטיג ווערן.

גיי אין שול דאווענען מיט מנין יעדן טאג; אז דו קענסט אריין כאפן א מקוה - איז דאך א מחי', רבי נתן האט מבטיח געווען אז "ווער עס וועט גיין אין מקוה וועט האבן א תקוה"; דערפאר אז דו וועסט זיין שטארק אין מקוה וועסטו ביים סוף זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד. ביי אנשי שלומינו איז דא א ליד אויף די ווערטער: "וואס טוט א איד אין גלות? וואס טוט א איד אין גלות? ער לויפט אין מקוה און לויפט און שול דאווענען, דאווענען".
~~~~~~~~~~

איין זאך זאלסטו אנהאלטן: "דיין ווילן"; אפילו דו זעסט ווי מען שטופט דיר אוועק פון אויבן איינמאל און נאכאמאל זאלסטו נאך אלץ וועלן, האפן און בענקען צו זיין א איד.

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "העיקר מה שקורין 'זיך דערהאלטן'"; דאס איז די שיינקייט פון א איד - אז ער האלט אן זיין ווילן און ער זאגט ארויס זיינע רצונות צום אייבערשטן. לאמיר שרייען צוזאמען: "הייליגער באשעפער, איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל גיין יעדן טאג אין שול דאווענען, איך וויל לערנען יעדן טאג מקרא, משנה, גמרא און מדרש. הייליגער באשעפער, איך וויל האבן ריינע אויגן און א ריינע מויל"; אזוי זאלסטו שרייען און נאכמאל שרייען ביז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן.

איך גיי שוין באלד פארלערנען דעם דף גמרא וואס איז מיין גאנצע חיות, אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט הונדערטער מאל אין ספר הקדוש 'אשר בנחל': "א בלאט גמרא איז דער חיות פונעם טאג"; נעם דו אויך א גמרא און זאג די ווערטער פון די גמרא.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**א "שבת התוועדות" מיט א "סיום הש"ס".**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' ויגש, ה' טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן דאנק פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.
~~~~~~~~~~~

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו האסט ארויסגענומען "קראון פלאזא האטעל" פאר קומענדיגן יאר אויף שבת פרשת ויגש ה'תש"פ הבא עלינו לטובה, וואו מיר ועלן פראווען א "שבת התוועדות" פאר אלע תלמידי הישיבה צוזאמען מיטן "סיום הש"ס", צו מחזק זיין אלע תלמידי היכל הקודש - בחורים און אינגעלייט זיך צו פרייען אז מיר האבן זוכה געווען צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן דורך מוהרא"ש וואס איז אונז מחזק צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא.

עס גייט מיר אין לעבן אריינצוברענגען אין אלע תלמידי הישיבה אז אלע זאלן וויסן אז מען דארף לערנען יעדן טאג לכל הפחות איין בלאט גמרא; ווייל א מענטש אן תורה איז א טויטער מענטש, אן תורה איז מען א גרויס רחמנות.

היינט אז מיר האבן דעם "סדר דרך הלימוד" פון הייליגן רבי'ן דורך וואס יעדער איד קען לערנען אפילו מען פארשטייט נישט, איז דאך מעגליך פאר יעדן איינעם צו לערנען; נישט קיין חילוק צי מען האט א גוטע קאפ אדער א שוואכע, יונג אדער אלט, ארעם אדער רייך.

איך וויל אז אלע אינגעלייט און בחורים זאלן קומען צו דעם שבת, אזוי וועלן אלע אנהייבן א' ויחי ה'תש"פ צו לערנען אינאיינעם מסכת ברכות לויטן סדר פון ש"ס כסדרן.

זיי מודיע פון דעם שבת פאר אלע תלמידים - סיי וואס לערנען נאך אין ישיבה, פאר די וואס קומען נאך צו די שיעורים און פאר די וואס זענען שוין ארויס פון ישיבה; דו ביסט דאך געווען פון די עשרה ראשונים ווען מיר האבן געעפנט די ישיבה ווייסטו דאך אלע נעמען וכו'.

איך וויל דיר בעטן דו זאלסט פרובירן זען ביי די עירליין אויב זיי געבן צוריק געלט פאר אלע פאסאנדזשירן וואס האבן געהאט די דילע"י און האבן טרעוועל אינשורענס; אזוי וועל איך קענען שנעלער באצאלן דעם חוב וואס איך קום דיר פאר די טיקעטס.

שטארק דיר טייערע ... נרו יאיר אין תפילה והתבודדות; וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן, ווייל תפילה איז שטערקער פון אלעס. אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט אויפן מאמר חז"ל (ויקרא רבה י, ה): "תְּפִלָּה עוֹשָׂה

מְחֶצָה" אז דער פשט איז אז "תפלה העלפט", ווייל 'מְחֶצָה' אויף אידיש איז טייטש 'העלפט'.

פון דיין ראש ישיבה וואס האט דיר ליב.

...

~~~~~~~~~~

**אין הימל איז א מלמד זייער חשוב.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' ויגש, ה' טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך וויל דיר מחזק זיין דו זאלסט זיך שטארקן מיט דיין הייליגע ארבעט, מיטן זיין א מלמד פאר די ריינע שעפעלעך - די תינוקות של בית רבן.

אין הימל איז א מלמד זייער חשוב, ווייל ער לערנט תורה מיט תינוקות של בית רבן וואס זייער תורה ותפלה איז זייער חשוב, אזוי ווייט אז אפילו משיח קומט אן און מען דארף האבן מענטשן זאלן העלפן אויפבויען דעם בית המקדש טאר מען נישט מבטל זיין חדר פאר דעם, נאר די קינדער דארפן בלייבן לערנען - אזוי פסק'נט דער הייליגער רמב"ם (פרק א' מהלכות בית הבחירה, הלכה יב): "עוֹסְקִין בַּבִּנְיָן מֵעֲלוֹת הַשַּׁחַר עַד צֵאת הַכּוֹכָבִים. וְהַכֹּל חַיָּבִין לִבְנוֹת וּלְסָעֵד בְּעַצְמָן וּבְמָמוֹנָם - אֲנָשִׁים וְנָשִׁים כְּמִקְדַּשׁ הַמִּדְבָּר. **וְאֵין מְבַטְּלִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לַבִּנְיָן**".

עס פעלט נישט אויס אריין צו לייגן ארבעט און כחות אין ארט"ס ענ"ד קרעפט"ס, דער עיקר זאלסטו אריין כחות אז די קינדער זאלן זיין פרייליך; זינג מיט זיי ניגונים פון אמונה, טאנץ מיט זיי יעדן טאג און לערן זיי אויס ווי אזוי מען רעדט צום אייבערשטן. די קליינע קינדער - ווי קליין זיי זענען - זענען זיי זייער
~~~~~~~~~~

ריין און תמימות׳דיג און יעדעס ווארט וואס דער מלמד רעדט צו זיי גייט אריין אין זיי.

נאכאמאל, עס פעלט נישט אויס זיך צו צערייסן און אהיים שיקן א גרויסע צאל צעטלעך וכו׳, דער עיקר זאלסטו אנפילן די קינדער מיט יראת שמים און אמונה טהורה.

...

~~~~~~~~~~

**שמחה איז א רפואה פאר אלע מחלות וחלאים רעים**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ ויגש, ה׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך בעט אייך זייער איר זאלט זיך מחזק זיין און זיך נישט לאזן צעברעכן פונעם יצר הרע וואס וויל נאר צעברעכן נאך א איד און זען אז נאך א שטוב זאל צעפאלן.

פאלגט דעם הייליגן רבי׳ן וואס האט אונז געהייסן זיין פריילעך (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כד), און אונז געלערנט אז שמחה איז א רפואה פאר אלע מחלות וחלאים רעים, און אפילו די דאקטורים זענען מודה צו דעם.

קומט אויס פונעם רבינ׳ס ווערטער אז אייער ישועה ליגט אין אייערע הענט; אז איר וועט אוועקלייגן אלע אייערע חכמות וכו׳ און איר וועט פאלגן דעם רבי׳ן צו זיין פריילעך וועט איר האבן א גאנצע רפואה און א גאנצע ישועה.

דערפאר בעט איך אייך מרת ... תחי׳: שטארקט זיך מיט אלע כחות צו זיין פריילעך; מאכט זיך פריילעך, און אז מען מאכט זיך פריילעך ווערט מען פריילעך.

צינדט אן אין שטוב מוזיק - הויך אזוי ווי ביי א חתונה און טאנצט מיט אייערע ליכטיגע קינדער וואס דער אייבערשטער האט אייך געגעבן.
~~~~~~~~~~

קוקט אויף די גוטס וואס איר האט און הערט זיך אויף אראפצוקלאפן; הערט זיך אויף צו באשולדיגן, פונקט אזוי ווי מען טאר נישט פיינט האבן א צווייטן, אזוי טאר מען זיך אליינס אויך נישט פיינט האבן.

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער.

דער אייבערשטער זאל אייך שיקן א רפואה שלימה.

...

~~~~~~~~~~

**דרך ארץ אויפ'ן באס.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' ויגש, ה' טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א גריס פון דיין טאטע'ן שליט"א; איך האב נעכטן גערעדט מיט אים, איך האב אים געזאגט וואס איך זאג דיר כסדר אז איך זארג זיך גארנישט וועגן א שידוך פאר דיר ווייל איך בין זיכער אז דו וועסט טרעפן א גוטע שידוך בקרוב.

די באס טיטשער האט מיר געזאגט אז אמאל זענען דא קינדער אויפן באס וואס זענען חוצפה'דיג צו איר; נעכטן האט א קליין קינד פון דריי יאר איר דערלאנגט א באקס אין פנים. בעט איך דיר זייער דו זאלסט זען עס זאל זיין "דרך ארץ" אויפן באס.

אלעס ווענדט זיך אין "דיר"; אויב דו וועסט אכטונג געבן עס זאל נישט הערשן קיין "חוצפה" אויפן באס, וועט איר זיין גרינגער די ארבעט. די ארבעט
~~~~~~~~~~

פון די באס טיטשער איז צו ברענגען די קינדער צום טיר וכו׳, אבער עס איז נישט איר אויפגאבע זיך צו קריגן מיט די קינדער, בפרט מיט די אינגלעך וד״ל.

איך דאנק דיר נאכאמאל פארן מיר העלפן מיט אזא געטריישאפט.

איך בין זיך מחי׳ צו הערן יעדן ערב ראש חודש פון דיר אז דו האסט נאכאמאל געענדיגט ששה סדרי משנה; יעצטו ערב ראש חודש טובת האסטו מיר דערציילט אז דו האסט מסיים געווען די פיר און אכציגסטע מאל ששה סדרי משנה - וואו אין די וועלט הערט מען אזאנס, אז א בחור זאל האבן מסיים געווען ששה סדרי משנה פיר און אכציג מאל?!

אחי, חזק ואמץ!

...

~~~~~~~~~~

**לאז דיין ווייב רעדן צו איר מאמע און געשוויסטער.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ ויגש, ה׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א דאנק פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך האף אז דו און דיין ווייב האבן הנאה געהאט פונעם שמועס וואס מיר האבן גערעדט.

דיר בעט איך זייער אז עס זאל דיר נישט באדערן אז דיין ווייב רעדט צו אירע געשוויסטער און צו איר מאמע; קודם כל איז נישט אויסגעהאלטן אז א מאן זאל נישט צולאזן זיין ווייב רעדן מיט איר מאמע און געשוויסטער. צווייטנס, דאס איז נישט קיין שכל׳דיגע זאך, ווייל נישט דאס מאכט אז דער מאן זאל זיין בעל הבית אין שטוב, אז ער טיילט איין וכו׳. בפרט אז דיין ווייב איז דיר אזוי געטריי און זי
~~~~~~~~~~

האט דיר אזוי ליב; עס באדערט איר אז דיר באדערט ווען זי גייט צו איר מאמע און געשוויסטער.

אויך בעט איך דיר דו זאלסט נישט זיין א קמצן אויף איר חשבון; אמת, מען טאר נישט אויסגעבן געלט וכו׳, אבער אז זי דארף א קלייד פאר די חתונה וכו׳ קענסטו איר נישט זאגן זי זאל אנטון א קלייד וואס דו האסט געשאפט אויב זי שפירט זיך נישט גוט אין דעם; עס איז נישט געפערליך צו קויפן א קלייד פאר הונדערט און פופציג דאללער אז דיין ווייב זאל זיין צופרידן.

און ווען דו גיבסט איר דאס געלט זאלסטו איר דאס געבן מיט הארץ, נישט ווי מען ווארפט א ביינדל פאר א הונט, זאגנדיג: ״שוין, דא האסטו געלט! דאס וועט דיר פרייליך מאכן?!״ זיי נישט נאריש ווען דו האסט באקומען אזא מתנה פונעם אייבערשטן.

איך וועל דיר נאך שרייבן מער; דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: ״אינעם ענין פון שלום בית וואלט איך געדארפט שרייבן אכט מאל מער ווי דעם גאנצן ליקוטי הלכות״.

...

~~~~~~~~~~

**א מענטש קען פלוצלינג אויפגעראכטן ווערן און ארויסגיין פון אלע צרות!**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויגש, ו׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

א שאד אז דו ביסט נישט געווען נעכטן ביים שיעור; דו וואלסט געהאט אזויפיל חיזוק אויף וואס דו גייסט אריבער.

מיר האבן גערעדט ביים שיעור פון יוסף הצדיק וועלכער איז אריבער זייער אסאך צרות און יסורים; די ברידער האבן אים גע׳רודפ׳ט, מען האט אים אוועק געשלעפט פון זיין טאטע יעקב אבינו, מען האט אים אריין געלייגט אין א גרוב
~~~~~~~~~~

מיט שלענג און עגדיסן, מען האט אים געטראגן קיין מצרים וואו מען האט אים פארקויפט פאר א קנעכט - וואלט ער דאך געקענט האבן טענות אויפן אייבערשטן און אלעס אפלאזן, מיט דעם אלעם האט זיך יוסף הצדיק דערהאלטן און ער איז געווארן קעניג אין מצרים און געשפייזט די גאנצע וועלט.

זעט מען פון דעם אז אפילו עס זעט אויס ווי אלעס איז דערנאך, אלעס איז פינסטער, מען פארלירט אלעס און מען שפירט זיך ווי א קנעכט קען מען פלוצלינג אויפגעראכטן ווערן, מען קען ווערן מלך און העלפן די גאנצע וועלט.

זאלסט זיך אפלערנען פון די פרשה זיך נישט אפצורעדן אויפן אייבערשטן; הייב אן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די חסדים וואס ער טוט מיט דיר. וואס האט יוסף הצדיק געטון אין תפיסה? ער האט געזינגען און געטאנצן, בשעת ער וואלט ווען געקענט מער וויינען און בלאזן ווי דיר אויף וואס דו גייסט אריבער, אבער וואס האט ער געטון? געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן, ער האט פרייליך געמאכט אלעמען אין תפיסה - אפילו די אראבער. איז דאך זיכער אז דו דארפסט טאנצן און פרייליך מאכן דיין ווייב און קינדער ווייל נאך אלעם זיצסטו פארט נישט אין תפיסה, און אפילו עס דאכט זיך דיר אז דיין שטוב איז א תפיסה זאלסטו נאך מאכן יוסף הצדיק.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן נב): "מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", פון די נייעס שרייט ארויס אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט; יעצט דריידט זיך איבער די גאס אז זמען וויל איינפירן א נייע געזעץ מען זאל געבן א וועג פאר אלע וואס זיצן אין תפיסה אז זיי זאלן נאכאמאל קענען פראבירן צו לעבן ערליך; דאס איז א חיזוק צו ווייזן אז מען קען נאכאמאל אנהייבן פונדאסניי, דערפאר זאלסטו זיך יעצט באנייען פון פריש.

איך וועל נישט זיין דעם שבת אין ווילאמסבורג, איך פאר מיט די בחורים אויף א שבת הכרת הטוב פאר אלע בחורים וואס העלפן מיר ענדיגן דעם בנין אין אומאן. איך שיק דיר דא מיט בילדער דו זאלסט זען ווי פלייסיג מען ארבעט אין אומאן; אפילו די וואך וואס איז געפאלן א גרויסע שניי - מיט דעם אלעם ארבעט מען פלייסיג.

איך האף אז ביז א חודש וועט שוין זיין פארטיג דער בנין פון אינדרויסן און מען וועט שוין קענען אנהייבן די ארבעט פון אינעווייניג.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~

**די גרויסקייט פון מחנך זיין מיידלעך מיט אמונה ויראת שמים.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויגש, ו׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן פון אייערע תלמידות בריוון וואו זיי שרייבן אזוי שיין אראפ אלעס וואס זיי לערנען ביי אייך, יעדע מיידל שרייבט דאס אראפ אויף איר אופן, ווייל ביי יעדן איינעם גייט דאס אריין לויט איר אייגנארטיגע פארשטאנד.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס עס איז אייער זכות; דאס איז א זכות וואס נישט יעדער איז זוכה דערצו - אויפבויען אידישע קינדער מיט אמונה און יראת שמים; זיי זאלן וויסן דאס גרויסקייט פון זיין א אידיש קינד, זיי זאלן זיין שטאלץ מיט אידישקייט, מיט זייער אנטון און מיט זייער אויפפירונג. זיי זאלן וויסן די שכר פון זיין איידל וואס אויף דעם זאגן חכמינו זכרונו לברכה זאגן (במדבר רבה ח, ט): אויפן פסוק (תהילים קכח, ג): ״אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ״, דיין ווייב וועט זוכה זיין צו האבן קינדער אזוי ווי א וויינשטאק וואס איז פול מיט טרויבן - בזכות וואס זי פירט זיך בצניעות, ״בִּזְמַן שֶׁהִיא נוֹהֶגֶת בְּעַצְמָהּ דַּת יְהוּדִית שֶׁהִיא צְנוּעָה, זוֹכָה שֶׁיּוֹצְאִין מִמֶּנָּה בָּנִים בַּעֲלֵי מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים״, זי וועט האבן קינדער וואס וועלן לערנען מִקְרָא, מִשְׁנָה און טון מַעֲשִׂים טוֹבִים, ״הֲדָא הוּא דִכְתִיב: בָּנֶיךָ כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים״, עיין שם.

אין די פריערדיגע דורות איז נישט געווען קיין מיידל שולע, נאר יעדע מיידל האט זיך געפירט ווי אזוי זי האט געזען ביי אירע עלטערן אין שטוב, און איר מאמע
~~~~~~~~~~

האט אריין געלייגט אין איר אהבת השם און יראת השם וכו׳ וכו׳, ביז עס זענען געקומען די פריערדיגע צדיקים זכותם יגן עלינו און געזען אז מען מוז האבן א פלאץ פאר מיידלעך זיי צו מחנך זיין מיט יראת שמים, האבן זיי מתקן געווען א ״מיידל שולע״ (עיין בספר ויואל משה מאמר לשון הקודש, אות מ). ווייל מיידלעך דארפן מער שמירה ווי אינגלעך, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא נשא, י): אויפן פסוק (במדבר ו, כד): ״יְבָרֶכְךָ ה׳ וְיִשְׁמְרֶךָ״, ״יְבָרֶכְךָ בְּבָנִים״, דער אייבערשטער וועט דיר בענטשן מיט קינדער, ״וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת״, און דיר אפהיטן מיט דיינע מיידלעך; זעט מען אז מיידלעך דארפן האבן מער שמירה ווי זון.

ברענגט אריין אין זיי תפילה, זיי זאלן זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן; דערציילט זיי מעשיות פון תפילה, ווי דער אייבערשטער העלפט ווען מען בעט אים.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה מיט אלע אייערע תלמידות.

...

~~~~~~~~~~

**דער יסוד אין שלום בית איז צו זיין אפן איינער מיטן אנדערן.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויגש, ו׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וויסן זאלט איר אז דער יסוד היסודות אין שלום בית איז צו זיין אפן איינער מיטן אנדערן; אויב עפעס באדערט דארף מען דאס אויסרעדן, זיך עסן פון אינעווייניג איז נישט קיין עסק.

מען האט אמאל דערציילט פאר רבי נתן אז עס איז דא אין שטאט א איד א גרויסער צדיק, ממש די גאנצע שטאט רעש׳ט זיך מיט אים, און איינע פון זיינע
~~~~~~~~~~

גרויסע מדריגות איז אז ער איז א "שותק" - ער שווייגט. ער רעדט נישט, מען הערט נישט פון אים קיין ווארט; האט ר' נתן געזאגט: "דער רבי האט אונז געלערנט אז מען דארף נישט שווייגן, מען זאל יא רעדן, נאר מען דארף וויסן ווי אזוי צו רעדן"; דאס זעלבע זאג איך אייך, אז מען וויל האבן שלום בית דארף מען רעדן, מען דארף נאר וויסן ווי אזוי צו רעדן.

איר האט א טייערע מאן, ער איז אייך אזוי געטריי און איז מיר זייער געטריי, אז עס טוט אייך עפעס וויי פון אים טארט איר זיך נישט ארום דרייען מיט די ווייטאג און עס האלטן ביי אייך אין הארץ, ווייל דאס קען חרוב מאכן די גאנצע ליבשאפט צווישן אייך.

איר האט מיר געבעטן איך זאל אייך שרייבן עטליכע טיפס ווי אזוי מען קען פועל'ן ביי זיך יא צו רעדן ווען מען שפירט אז עס רעדט זיך נישט; מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיין אפן איינער מיטן צווייטן ווייל אסאך מאל טוט מען אסאך מער וויי ווען מען רעדט נישט.

איך וועל אייך געבן א משל; למשל עס באדערט פאר די פרוי אז די מאן מאכט ווערטלעך אויף איר חשבון, אבער אסאך מאל כאפט ער ניטאמאל אז דאס באדערט פאר זיין ווייב, ווייל ער קומט פון א משפחה וואס דאס איז דער וועג ווי אזוי מען רעדט, מען ווערטלט זיך איינער אויפן צווייטן ברבים אין פארנט פון אנדערע משפחה מיטגלידער, און ער כאפט נישט אז מען רעדט נישט אזוי צו א ווייב, ער ווייסט ניטאמאל אז דאס טוט איר וויי. אין אזא פאל דארף די פרוי שיין רעדן מיט אים, נישט אים פארהאלטן, נאר זיך מאכן כאילו זי איז דער פראבלעם און אים זאגן: "איך בין צו האקל"; אזוי וועט ער וויסן זיך אכטונג צו געבן און ארבעטן אויף זיך.

איך האף אז איר וועט ארויס נעמען פון דעם בריוו שכל און חכמה ווי אזוי צו רעדן און וואס צו רעדן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קען איך מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויגש, ו׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זאלסט שטענדיג טראכטן: ׳וואס קען איך טון צו מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן׳.

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט די סיבה פארוואס דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט אזוי ליב געהאט זיין טאכטער אדל (דעם רבינ׳ס באבע) און איר שטענדיג אויסגערימט - ווייל די הייליגע צדיקת איז שטענדיג ארום געגאנגען מיט א בענקעניש צום אייבערשטן און געטראכט: ׳וואס קען איך טון צו מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן?׳

שטארק זיך צו גיין אנגעטון צניעות׳דיג; צניעות איז די שענסטע זאך פאר א אידישע פרוי. דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט דערציילט אז ווען ער איז געווען אויפן וועג קיין ארץ ישראל איז ער געווען אין איסטאנבול, האט ער דארט געזען אינגעלייט וואס האבן אזעלכע הייליגע נשמות ממש ווי די הייליגע תנאים, ווייל די פרויען דארט זענען געווען זייער צניעות׳דיג, דערפאר האבן זיי זוכה געווען צו קינדער מיט אזעלכע הייליגע נשמות.

בנוגע דיין מעשר געלט; איך ווייס נישט פון וואספארא מעשר געלט דו רעדסט, ווייל א מיידל האט נישט קיין געלט. ווען א מיידל גייט ארבעטן און פארדינט געלט איז דאס נישט איר געלט, דיין געלט באלאנגט פאר דיין טאטע, ער וועט דאס מעשר׳ן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

### מ׳קען נאר העלפן איינעם וואס לאזט זיך העלפן

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויגש, ו׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס טוט מיר זייער וויי צו הערן וואס דו שרייבסט, אבער וויסן זאלסטו אז מען קען נאר העלפן איינעם וואס וויל זיך לאזן העלפן; זאל א מענטש האבן דער גרעסטער פראבלעם - אויב וויל ער זיך העלפן - קען ער פון יעדע פראבלעם ארויס גיין. אבער אז מען וויל זיך נישט העלפן, למשל אז מאן און ווייב קומען זיך נישט אויס און זיי ווילן ענדערש באהאלטן זייער פראבלעם און ליידן וכו׳ אבי קיינער זאל זיי נישט העלפן און איינטיילן וכו׳ קען מען גארנישט טון נאר מתפלל זיין צום אייבערשטן ער זאל אריין לייגן אין זיי א הייליגקייט.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן סז): ״עִקַּר שִׁגָּעוֹן שֶׁל כָּל הַמְשֻׁגָּעִים הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁהוּא אֵינוֹ מְצַיֵּת וְשׁוֹמֵעַ לְדִבְרֵי הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, כִּי הַמְשֻׁגָּע - אִם הָיָה שׁוֹמֵעַ וְצַיָּת לְדִבְרֵי אֲחֵרִים שֶׁהֵם הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, בְּוַדַּאי לֹא הָיָה מְשֻׁגָּע כְּלָל״, פארוואס ווערט א מענטש משוגע? ווייל ער פאלגט נישט אן אמת׳ן חכם און אן אמת׳ן צדיק, ווייל ווען דער מענטש וואלט געפאלגט א חכם וואלט ער געווארן אויס משוגע.

א מענטש מוז האבן א רבי - א מורה דרך - מיט וועם ער שמועסט זיך דורך זיין לעבן (בפרט ווען מען איז נאך יונג), ווייל א מענטש אליינס איז אין א סכנה. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ח.): ״לְעוֹלָם יָדוּר אָדָם בִּמְקוֹם רַבּוֹ, שֶׁכָּל זְמַן שֶׁשִּׁמְעִי בֶּן גֵּרָא קַיָּם, לֹא נָשָׂא שְׁלֹמֹה אֶת בַּת פַּרְעֹה״, א מענטש זאל וואוינען נעבן זיין רבי וועט ער זיין אן ערליכער איד, אזוי ווי מען זעט ביי שלמה המלך; אבער אויב מען וויל זיך נישט העלפן איז נישט דא וואס צו טון.

בעט פאר זיי אז זיי זאלן האבן שלום בית און פאלגן וואס די תורה זאגט, זיי זאלן נישט אריין ברענגען קיין סמארט-פאון אין שטוב ווייל אזוי ווי זיי פירן זיך יעצט זעט אויס ווי עס וועט זיך נישט האלטן - השם ישמרינו.

...

~~~~~~~~~~

**א מענטש זאל בעטן דעם אייבערשטן אים דן צו זיין לכף זכות.**

בעזרת ה׳ יתברך - מוצאי שבת קודש פרשת ויגש, ז׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

א גוטע וואך און א געזונטע וואך! הרב הקדוש מהר״א מבעלזא זכותו יגן עלינו, ווען מען פלעגט אים זאגן ״א גוטע וואך״ פלעגט ער צוריק זאגן: ״א גוטע וואך איז א בלאט גמרא״.

לערן דעם היינטיגן בלאט גמרא, עס איז אזוי שיין ווען מען לערנט גמרא מיט די הקדמות פון רבי׳ן; מיר האבן היינט געהאט אין די גמרא (חולין יח.): ״הַהוּא טַבָּחָא דְּלָא סָר סַכִּינוֹ קַמֵּיהּ דְּרָבָא בַּר חִינְנָא״, עס איז געווען א שוחט וואס האט נישט געוויזן דעם מעסער פאר רבא, האט אים רבא אין געלייגט אין חרם, אזוי ווי די הלכה איז אז אויב דער שוחט איז מזלזל אינעם רב, ער ווייזט אים נישט דעם מעסער פארן שחט׳ן דארף מען אים לייגן אין חרם. שפעטער זענען אנגעקומען צו רבא מר זוטרא און רב אשי, האט רבא זיי געבעטן: ״לִיעַיְּינוּ רַבָּה בְּמִלְּתֵיהּ״, אויב זיי קענען זוכן א היתר פאר דעם שוחט מען זאל אים לאזן צוריק ווייטער שחט׳ן, ״דְּתָלוּ בֵּיהּ טַפְלֵי״, ווייל ער האט קליינע קינדער אין שטוב און ער דארף זיי מפרנס זיין.

ווען א ברסלב׳ער חסיד לערנט די גמרא מאכט ער גלייך פון דעם א תפילה צום הייליגן באשעפער און בעט אים: ״רבונו של עולם, אמת טאקע איך האב געטון נארישקייטן וואס צוליב דעם קומט מיר אזעלכע עונשים אז מען שטופט מיר אוועק פון אלע גוטע זאכן און איך מוטשע זיך אזוי שטארק מיט פרנסה, אבער דאך: ׳לִיעַיְּינוּ רַבָּה בְּמִלְּתֵיהּ׳, אפשר קען מען אפיר זוכן אויף מיר עפעס זכותים, ׳דְּתָלוּ בֵּיהּ טַפְלֵי׳, ווייל איך האב דאך א ווייב מיט קינדער און איך דארף אהיים ברענגען פרנסה״.
~~~~~~~~~~

וואס זאל איך דיר זאגן, אז מען לערנט גמרא אויפן רבינ'ס סדר דרך הלימוד - איז דאך ממש א מחי'! מען זוכט אלץ אין די גמרא ווי קען מען ארויס נעמען חיזוק און שמחה זיך צו באנייען און זיך פרייליך מאכן.

וואש זיך אויף א כזית פאר מלוה מלכה אזוי ווי דער מחבר פסק'נט (שלחן ערוך אורח חיים, סימן ש): "לְעוֹלָם יְסַדֵּר אָדָם שֻׁלְחָנוֹ בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת, כְּדֵי לְלַוּוֹת אֶת הַשַּׁבָּת, אֲפִלּוּ אֵינוֹ צָרִיךְ אֶלָּא לִכְזַיִת"; אויך איז דאס א גרויסע סגולה צו האבן שטארקע אמונה און געזינטע נערוון. וואש זיך מיט דיין ווייב פאר א מלוה מלכה; מוהרא"ש זאגט עס איז א סגולה פאר א גרינגע לידה - מען זאל האבן גרינגערהייט די קינדער.

א גוטע וואך!

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## פארוואס חתונה האבן יונג? מ׳פארלירט דאך די שענסטע בחור׳ישע יארן?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב לעצטנס געהערט א שיעור פון אייך אז ס'איז גוט א בחור זאל חתונה האבן ווי יונגער. איך האב מיר זייער געוואונדערט אויף דעם, ווייל איך האב אלץ געהערט פון מיינע מגידי שיעור אז די בחור'ישע יארן זענען די שענסטע יארן אין לעבן, דאס איז דער יסוד פון לעבן, וואס מ'קען אויפטון אלס בחור קען מען קיינמאל נישט אויפטון שפעטער. פארוואס זאגט איר אז ס'איז יא בעסער חתונה צו האבן ווי פריער, מ'וועט דאך פארפאסן די שענסטע בחור'ישע יארן?

נאכדערצו אז דער ישמח משה שרייבט, "שעה אחת בימי הבחרות כשנה שלימה בימי עמידה", איין שעה אין די בחור'ישע יארן איז ווי א גאנצע יאר אין די עלטערע יארן. איך פלעג דאס הערן פון מיינע מגידי שיעור יעדע פופצן מינוט... און יעצט הער איך גאר פונקט פארקערט.

איך פרעג נישט חס ושלום לקנטר, איך וויל באמת פארשטיין, און איך האף איר וועט מיר דאס קלאר שטעלן.

יישר כח, שמעון

### תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ויגש, ג׳ טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד שמעון נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז דאס וואס דער הייליגער ישמח משה זכותו יגן עלינו שרייבט אינעם בריוו פאר זיין זון: **״וְשָׁעָה אַחַת בִּימֵי הַבַּחֲרוּת - כִּשְׁנָה שְׁלֵמָה בִּימֵי הָעֲמִידָה חָשׁוּב״**, איין שעה אין די יונגע יארן איז אזוי ווי א גאנצע יאר אויף דער עלטער, רעדט ער נישט פון די תקופה וואס מיר רופן היינט אן: ״די בחור׳ישע יארן״, און ווען מען האט חתונה ווערט מען אויס בחור, ווייל דער בריוו האט דער

ישמח משה זי"ע געשריבן פאר זיין זון הרב הקדוש רבי אלעזר ניסן זכר צדיק לברכה שוין נאך די חתונה! נאר "ימי הבחרות" מיינט "די יונגע יארן" - סיי מיט א ווייב און סיי אן א ווייב. דער הייליגער ישמח משה שרייבט דאס אונז צו לערנען ווי חשוב די יונגע יארן זענען און מען זאל ריכטיג אויסנוצן די צייט צו דינען דעם אייבערשטן.

די זעלבע זאך זאגט דער הייליגער רבי (ספר המידות, אות תשובה, סימן עג): "הָעֲבֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", דאס דינען דעם אייבערשטן אין די יונגע יארן איז מער חשוב ווי די עבודה אויף דער עלטער.

דאס וואס דו שרייבסט: "אויב מען האט חתונה פרי פארלירט מען די שענסטע יארן", - איז נישט ריכטיג; אין הכי נמי, פון איין זייט איז פאר א בחור גרינגער צו לערנען און דאווענען ווייל ער האט נאך נישט דעם עול הפרנסה און ער דארף נאך נישט אויפציען קינדער, אבער חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יבמות סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה", ווילאנג מען האט נישט חתונה איז מען נישט פרייליך, מען האט נישט קיין ברכה און מען האט נישט קיין גוטס; נאכמער זאגן חכמינו הקדושים אויף א צווייטע פלאץ (בראשית רבה, פרשה יז, סימן ב): "כָּל שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא עֵזֶר, בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא כַּפָּרָה, אַף בְּלֹא שָׁלוֹם, אַף בְּלֹא חַיִּים, וְאֵינוֹ אָדָם שָׁלֵם", פאר מען האט חתונה האט מען נישט קיין גוטס, מען האט נישט קיין העלפער, מען האט נישט קיין שמחה, מען האט נישט קיין ברכה, מען האט נישט קיין כפרה, עס פעלט שלום, מען האט נישט קיין לעבן און מען איז נישט א גאנצע מענטש. אין זוהר הקדוש שטייט (ויקרא ה.): "כָּל מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, כָּל שְׁבָחָא אַעְדּוֹי מִנֵּיהּ, וְלָאו הוּא בִּכְלָלָא דְּאָדָם. וְלֹא עוֹד אֶלָּא דְּלָאו אִיהוּ כְּדַאי לְאִתְבָּרְכָא", ווילאנג א מענטש האט נישט חתונה האט ער נישט קיין גוטס, ער איז בכלל נישט קיין מענטש און ער איז נישט כדאי צו ווערן געבענטשט; נאך זאגט דער זוהר (פרשת אחרי, נט:): רבי יצחק זאגט: "בְּכָל אֲתַר דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, לָאו כְּדַאי לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", ווער עס איז נישט חתונה געהאט איז נישט ראוי צו מקבל זיין פני השכנה.

פון דעם קענסטו זען די סיבה פון אלע צער און יסורים וואס גייט אלץ אריבער אויף בחורים - ווייל עס פעלט זיי די אלע גוטע זאכן. דורכדעם וואס מען פאלט נעבעך אראפ אין עבירות, מען זינדיגט אין די ביטערע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן - זענען די תוצאות דערפון אז דער מענטש איז צעבראכן כחרס הנשבר. און דאס איז די סיבה פארוואס עס פאלן נעבעך שטיקער פון אידישע קינדער; ווען מען וואלט ווען חתונה געמאכט די קינדער יונג וואלטן אלע געבליבן ערליך און הייליג.

טראכט גוט אריין ווען די פריערדיגע צדיקים האבן חתונה געהאט; דער הייליגער ישמח משה זכותו יגן עלינו האט חתונה געהאט ביי די דרייצן יאר, אזוי אויך דער הייליגער רבי האט חתונה געהאט ביי די בר מצוה (עיין פעולת הצדיק, סימן סה), און בעצם האבן אלע צדיקים חתונה געהאט יונג, אזוי זענען זיי אויפגעוואקסן בקדושה ובטהרה.

מיר געפונען אין די גמרא אז דער הייליגער אמורא רב חסדא האט זיך אויסגערימט פאר די חכמים - זיינע חברים (קידושין כט:): "הַאי דַּעֲדִיפְנָא מֵחַבְרָאִי, דְּנְסִיבְנָא בְּשִׁתְּסַר", דאס וואס איך בין מער פון מיינע חברים, איז ווייל איך האב חתונה געהאט יונג - ביי די זעכצן יאר (זעכצן יאר מיינט מען וואס מיר רופן פופצן יאר, אנפאנג פון די זעכצן יאר), "וְאִי נְסִיבְנָא בְּאַרְבֵּיסַר הֲוָה אֲמִינָא לֵיהּ לְשָׂטָן: גִּירָא בְּעֵינָךְ", אויב וואלט איך חתונה געהאט ביי די פערצן יאר, וואלט איך זיך געקענט רייצן מיטן שטן און איך וואלט נישט מורא געהאט פון אים, ער וואלט מיר נישט געקענט מכשיל זיין מיט עבירות און איך וואלט ווען געווען מער אפגעהיטן.

אז דו רעדסט פונעם בריוו פונעם הייליגן ישמח משה, ווייסטו מן הסתם אויך אז דער ישמח משה זי"ע האט דורכאויס זיין גאנץ לעבן געהאפט געווארט אויף משיח און נישט מסיח דעת געווען פון ביאת המשיח. ער האט שטענדיג געהאלטן מיט זיך די בגדי שבת נעבן זיך אפילו ביים שלאפן, אז אויב משיח וועט פלוצלינג קומען זאל ער אים גלייך קענען מקבל פנים זיין. דער הייליגער סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו האט נאכגעזאגט (עיין בדברי יואל פרשת חיי שרה עמוד תעד; פרשת תזריע עמוד שיט) וואס ער האט געהערט אלץ אינגערמאן ווען ער האט נאך געוואוינט אין שטאט סאטמאר פון אן אלטן איד ר' אברהם לעווי [פילפישער] זכרונו לברכה וואס האט

אליינס געהערט פונעם הייליגן ישמח משה איינמאל הושענא רבה ווען ער האט געהאלטן ביים שטיקל "הושענא למענך אלקינו" ווי ער האט געוויינט צום אייבערשטן און געזאגט: "רבון כל עולמים, איך בעט נישט משיח זאל קומען פאר מיר און פאר מיין הנאה, און אפילו איך וועל נישט זוכה זיין צו זען דאס גוטס וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען און איך וועל נישט האבן קיין חלק פון דעם איז מיר אויך גוט, איך וויל נאר עס זאל זיין 'יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא'".

דאס איז געווען דער גרויסער צדיק דער ישמח משה זכותו יגן עלינו, ער האט נאר געוואלט און געבענקט און געהאפט יעדע רגע אז משיח זאל שוין קומען. איז כדאי דו זאלסט זען וואס ער זאגט וועגן די "בחור'ישע יארן" (ספר ישמח משה, פרשת כי תבוא): "כִּי הִנֵּה תָּמַהְתִּי עַל עִיכּוּב הַגָּלוּת, כִּי רוֹב בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה כְּשֵׁרִים וּמַדּוּעַ בֶּן דָּוִד לֹא בָּא", איך וואונדער זיך פארוואס משיח איז נאך נישט געקומען, בשעת מיר זעען אז רוב אידישע קינדער זענען ערליך און אפגעהיטן פון עבירות. "וְכַאֲשֶׁר חָקַרְתִּי נִתְוַדַּע לִי כִּי בְּבַחֲרוּתָם מַרְבִּין חֲבִילוֹת עֲבֵירוֹת עַד שֶׁדַּי לָהֶם עַל יְמֵי חַיֵּיהֶם, וְעַל זֶה אֵין עוֹשִׂין תְּשׁוּבָה כְּלָל וְזֶה הַגּוֹרֵם, וּלְכָךְ אֵין יְכוֹלִין שׁוּב לְהִדָּבֵק בְּבוֹרְאֵינוּ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ", ביז איך בין געוואויר געווארן אז די בחורים טוען נעבעך זייער אסאך עבירות רחמנא לצלן און טוען נישט קיין תשובה דערויף, דאס איז די סיבה אויפן אריכות הגלות; איז פאר דו שרייבסט מיר אז אויב מען האט חתונה יונג פארלירט מען די שענסטע יארן, זאלסטו זען וואס דער הייליגער ישמח משה זאגט, אז נאר וועגן די עבירות וואס מען טוט דורכאויס די בחורי'ישע יארן ליידן מיר אין גלות.

עס כאפט א ציטער און א שרעק ווען מען לערנט דעם שטיקל ישמח משה זעענדיג וואס עס גייט אריבער אויף אידישע קינדער; פון אינדרויסן זעט מען דאס נישט אן, אלעס זעט אויס גלאט און גלאנציג, עס זעט אויס ווי עס איז נישט דא קיין נסיונות, מען פאלט נישט אראפ אין עבירות, מען דארף נישט קיין חיזוק וכו'; עס פאלט קיינעם נישט איין די שרעקליכע ווייטאג וואס בחורים און מיידלעך גיין אריבער, זיי ווילן זיין גוט און ערליך, אבער זיי האלטן אין איין אראפפאלן השם ישמרינו.

קוק וואס דער הייליגער ראשית חכמה שרייבט וועגן די בחור'ישע יארן, (שער התשובה פרק ג, סימן י): "וּמֵהַדְּבָרִים שֶׁצָּרִיךְ הַשָּׁב לְתַקֵּן, הוּא לְתַקֵּן אוֹת בְּרִית הַפָּגוּם בְּהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה", מען דארף תשובה טון אויף די עבירה פון פגם הברית -

הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, "שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּנוּ נִיצוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ", ווייל עס איז נישטא היינטיגע צייטן א מענטש וואס ווערט ניצול פון די עבירה אין די בחור'ישע יארן, עיין שם; דאס האט ער געשריבן אין צפת פאר איבער פיר הונדערט יאר צוריק, אינעם דור פונעם הייליגן אריז"ל, ווען דער שטאט צפת איז געווען אנגעפילט מיט הייליגע צדיקים, קדושים און עליונים וואס האט געברענגט א הייליגקייט אויף די גאנצע שטאט (חוץ מזה וואס להבדיל די אראבקעס זענען געגאנגען אנגעטון מיט א מורא'דיגע צניעות, אנגעטון פון קאפ ביזן פיס און עס איז נישט געווען שייך צו קוקן א ראי' אסורה), און טראץ דעם שרייבט ער אין יענע צייט די ווערטער: "**שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּנוּ נִיצוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ**", אז יעדער בחור פאלט דורך אין די עבירה דורכאויס די בחור'ישע יארן, איז דאך זיכער אז אין אונזער דור ווען אלעס איז אפן און עס איז ביטער שווער צו זיין אפגעהיטן בקדושה, ווער רעדט נאך היינט צו טאגס ווען מיר האבן די ביטערע צרה אז יונגע קינדער - בחורים און מיידלעך - דרייען זיך ארום האבנדיג אין טאש אן אייפאד, סמארט-פאון וואס מען קען זען דארט אלע עבירות פון די וועלט, איז דאך זיכער אז ווי פריער מען קען חתונה האבן וועט מען האבן שענערע יארן; דאס איז די איינציגסטע עצה! מען זאל חתונה האבן יונג ווען מען איז ריין און הייליג, ווייל נאר אזוי קען מען זיין אפגעהיטן פון עבירות.

עלטערן וואס האבן אמת'דיג רחמנות אויף זייערע קינדער דארפן זען חתונה צו מאכן די קינדער ווי יונגער און נישט זוכן קיין תירוצים אפצושטופן די חתונה; מען קען הערן אלע מיני סברות פון מענטשן פארוואס זיי הערן נישט אויס קיין שידוכים פאר די קינדער:

א. עס זענען דא עלטערן וואס זאגן: "אונזער קינד איז נאך יונג, פארוואס זאלן מיר אים פארדרייען דעם קאפ מיט שידוכים וכו'? פארוואס זאלן מיר ארויפלייגן אויף אונזער קינד דעם עול פון חתונה האבן?" ווי מאדנע עס הערט זיך קען מען הערן די טענה אפילו ווען דאס קינד איז שוין העכער צוואנציג יאר, וואס דעמאלט זאגן די הייליגע חכמים בפירוש אז (קידושין כט:): "כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה", אויב מען האט נישט חתונה פאר די צוואנציג יאר וועט מען א גאנץ לעבן האבן מחשבות פון עבירות; ווייל הרגל נעשה טבע, דאס געוואוינהייט ווערט ווי א צווייטע נאטור, און וויבאלד ער האט נישט חתונה געהאט יונג האט ער כסדר

געטראכט שלעכטע מחשבות, וועט זיך דאס שוין ביי אים ציען אויף ווייטער. אבער דאס איז א גרויסע טעות, ווייל אלע צרות קומען פון דעם וואס מען מאכט נישט חתונה יונג די קינדער - בפרט די מיידלעך וואס זיי דארפן מער שמירה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פסחים קיג.): "בִּתְּךָ בָּגְרָה - שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ וְתֶן לָהּ", ווען דיין טאכטער ווערט א בוגרת זאלסטו איר גלייך חתונה מאכן - אפילו מיט דיין קנעכט! אז זי זאל נישט אוועק פאלן חס ושלום.

ב. אויך קען מען הערן עלטערן זאגן: "מיר האבן אזוי ליב אונזער קינד, פארוואס זאלן מיר אזוי שנעל חתנה מאכן?" באמת איז דאס נישט קיין ליבשאפט, ווייל ווען זיי וואלטן באמת ליב געהאט זייער קינד וואלטן זיי חתונה געמאכט דאס קינד ווי שנעלער; ווען מען טוט וואס איז גוט פאר יענעם ווייזט דאס אז מען האט יענעם ליב, נישט ווען מען קוקט אויף די אייגענע אינטערעסן און מען זאגט אז מען האט יענעם ליב. אויף דעם זאגט דער פסוק (איכה ד, י): "יְדֵי נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן", רחמנות'דיגע מאמעס האבן מיט זייערע אייגענע הענט גע'הרג'ט זייערע קינדער; מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס עס גייט היינט איבער אויף בני הנעורים, ווי זיי פייניגן זיך און האלטן אין איין אראפפאלן אין מיאוס'ע עבירות, וואס מען קען ווען דאס אלעס איינשפארן דורך זיי חתונה מאכן יונג.

ג. ווידער זענען דא עלטערן וואס זאגן אף שידוכים מיטן תירוץ אז עס קאסט אסאך געלט צו חתונה מאכן, דאס איז אויך א רציחה און אן אכזריות צו לאזן צוליב דעם די קינדער זיך עלטערן; ווער הייסט חתונה מאכן טייער, רייך און אויסגעבן שווערע געלטער זיך צו ווייזן פאר מענטשן אז מען האט געלט וכו'?! ענדערש זאל מען חתונה מאכן די קינדער ביליג און די געלט (אויב מען האט דאס בכלל) זאל מען געבן פארן יונגן פאר-פאלק זיי זאלן האבן פרנסה וכו', ווען מען וואלט ווען געשפארט געלט נישט צו חתונה מאכן אין טייערע זאלן און נאר רופן די נאנטע משפחה וואלט מען ווען געקענט גרינגערהייט חתונה מאכן די קינדער אן קיין חובות. ממילא איז דאס אויך נישט קיין בארעכטיגטע תירוץ פארוואס אפצושטופן שידוכים.

ד. עס זענען דא וואס זאגן אף שידוכים וועגן כבוד און יחוס; די קינדער נעבעך פאלן אראפ אין ביטערע עוונות רחמנא לצלן אן דעם וואס די עלטערן זאלן וויסן בכלל וואו זיי פאלן נעבעך אראפ - אלץ נאר צוליב כבוד המדומה. דאס

הייסט אוועק גיין פונעם דרך התורה, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן אונז (יבמות סג.): "נְחִית דַּרְגָּא", גיי אראפ פון דיין דרגא, "נְסֹב אִיתְּתָא", כדי זאלסט קענען חתונה האבן; ווי קענען עלטערן שלאפן רואיג ביינאכט ווען זיי האבן אין שטוב קינדער וואס דארפן חתונה האבן? וואו איז די יראת שמים פון עלטערן וואס לאזן זייערע קינדער עלטער ווערן נאר צוליב כבוד?!

ה. עס זענען דא עלטערן וואס זענען זיך מלבוש בלבוש תלמוד חכם און זאגן אפ שדוכים מיטן תירוץ אז די קינדער דארפן זיך נאך משלים זיין אין לערנען; דאס איז אויך אנטקעגן די תורה, ווייל חכמינו זכרונו לברכה זאגן (קידושין כט): "אִם אִי אֶפְשַׁר לוֹ בְּלֹא אִשָּׁה - יִשָּׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ יִלְמֹד תּוֹרָה", אויב מען קען נישט זיין אן א פרוי זאל מען קודם חתונה האבן און נאכדעם לערנען תורה; נאך זאגן חז"ל (פסחים קיב:): "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר - נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים", אז מען האט חתונה איז מען א ריינער מענטש.

תמצית הדברים, ווער עס האט רחמנות אויף די קינדער זאל זיי ווי פריער חתונה מאכן, אזוי וועלן זיי אויסוואקסן הייליג און ריין.

איך האב אביסל מאריך געווען אינעם בריוו נאכדעם וואס דו האסט מיר געשריבן: **"אויב מען האט חתונה פרי, פארלירט מען די שענסטע יארן"**; עס זעט אויס פון דיינע ווערטער אז דו האסט שוין פארגעסן וואס א בחור גייט אריבער אין לעבן, און דאס האט א פנים ווי דער ענטפער וואס עלטערן געבן פאר זייערע קינדער, ווען דער קינד שעמט זיך נישט און בעט אפן: "טאטע, איך וויל חתונה האבן", אדער: "מאמע, איך בעט דיר, זאג נישט אפ קיין שידוכים איך ווער פארברענט", דאן זאגן זיי מיט א שמייכל: "וואו יאגסטו זיך? כאפ אריין די שענסטע יארן פון דיין לעבן", ווייל זיי האבן שוין פארגעסן וואס עס איז אויף זיי אריבער ווען זיי זענען געווען יונג און זענען געווען יעדע רגע אין א סכנה וכו'; אזוי אויך האסטו שוין אויך פארגעסן וואס עס גייט איבער אויף א בחור.

עס איז נישט דא אזא צעבראכענע הארץ ווי א בחור און עס איז נישט דא אזא שברי כלי ווי א בחור וואס וויל זיין ערליך און אפגעהיטן בקדושת הברית אבער ער האלט אין איין אראפפאלן, מען קען אפילו זאגן אז ער האט בכלל נישט קיין בחירה, און ער וויינט צום אייבערשטן אז ער זאל רחמנות האבן אויף אים ווייל

ער וויל נישט ווערן אנגערופן מיטן טיטל: "רע" וואס שטייט ביי די פרשה פון ער ואונן (בראשית לח, ז): "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'"; ער וויינט צום אייבערשטן: "רבונו של עולם, געוואלד און געשריגן, וואס זאל איך טון אז איך האלט אין איין אראפפאלן אין פגם הברית? וואס קען איך טון אז איך זאל נישט טון די עבירה?!" מוהרא"ש זאגט אז אויף זיי איז געזאגט געווארן וואס דוד המלך זאגט (תהלים קב, יח): "פָּנָה אֶל תְּפִלַּת הָעַ'רְ'עָ'ר' וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם", דער אייבערשטער קערט זיך צו די תפילה פון די וואס פאלן אראפ אין די עבירה פון 'רע'.

אז מען רעדט שוין פון בחורים ווער איך דיר נאך שרייבן איין זאך וואס מוהרא"ש פלעגט כסדר זאגן. אז ווען ער וועט ארויף קומען אויף יענע וועלט וועט ער זיך מוסר נפש זיין פאר אלע בחורים, ער וועט טענה'ן פארן בית דין של מעלה: "וואס זענען בחורים שולדיג אז זיי פאלן אראפ אין עבירות?!"

**"מיין זאך איז בחורים"** - פלעגט מוהרא"ש שטענדיג זאגן; "איך בין אראפ געקומען אויף די וועלט אויפצוהייבן בחורים און זיי ווייזן א וועג ווי אזוי זיך צו דערהאלטן. איך בין געבוירן געווארן 'כ"א אייר' אין די ספירה פון **"חסד שביסוד"**, וואס דאס איז מיין מדה, איך טו 'חסד' און איך בין מחזק די אלע וואס פאלן נעבעך אראפ אין מידת ה'יסוד'.

בחורים וואס ווילן חתונה האבן און עס גייט זיי נישט קיין שידוך זענען בכלל נישט שולדיג אויף וואס זיי פאלן דורך; מוהרא"ש פלעגט זאגן פאר די בחורים זיי זאלן טענה'ען יעדן טאג צום אייבערשטן: **"רבונו של עולם! איך וויל נישט זינדיגן אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה; רבונו של עולם! איך וויל זיין אפגעהיטן פון עבירות; וואס זאל איך טון אז איך פאל אראפ נאכאמאל און נאכאמאל?!"**

דעריבער האט מוהרא"ש צוואה געלאזט (צוואת מוהרא"ש, אות ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג"; ווייל ער האט זיך זיין גאנץ לעבן מוסר נפש געווען פאר

בחורים און מיידלעך האט ער זוכה געווען ווייטער צו העלפן בחורים און מיידלעך אויף יענע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**אז א פרוי דארף שערן די האר, איז טאקע אזוי הארב?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

עס איז שווער פאר מיין ווייב צו שערן די האר, אפשר קענט איר שרייבן איבער דעם ענין פון שערן די האר ביי חתונה געהאטע פרויען. איז עס טאקע אזוי הארב, אדער איז עס נאר א תקנה פון די ועד ארבע ארצות?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת מקץ, כ״ח כסליו, נר ד׳ דחנוכה, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון א פרוי וואס שערט זיך אפ איר האר נאך איר חתונה; עס איז א סגולה פאר קינדער צדיקים, פאר עשירות און פאר אלעס גוטס. קוק וואס דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי זאגט (נשא קכה:): ״׳תּוּנְבָא לֵיתֵי׳, א קללה זאל קומען, ׳עַל הַהוּא בַּר נָשׁ׳, אויף דעם מענטש, ׳דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ׳ וואס לאזט זיין ווייב, ׳דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳, אז איר האר פון קאפ זאל זיך ארויסזען. ׳וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ׳, און דאס איז פון די
~~~~~~~~~~~

יסודות פון א אידישע שטוב, אז מען זאל נישט זען די האר פון די פרוי. 'וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זיך שיין צו מאכן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', איז זי גורם אז עס זאל זיין ארעמקייט אין שטוב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אזוי אויך איז זי איז גורם אז דער סמ"ך מ"ם און די נישט גוטע זאלן זיין אין איר שטוב. 'מַאן גָּרִים דָּא?' ווער איז דאס אלעס גורם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס"; און פארשטייט זיך אז פארקערט איז נאך מער; א פרוי וואס געבט אכטונג אז אירע האר זאל זיך נישט ארויסזען וועט האבן אלע ברכות, און זי וועט האבן נחת פון אירע קינדער.

דאס וואס מען זעט ביי געוויסע פרויען אז זיי פלעגן גיין אפגעשוירן און שפעטער זענען זיי מחליט צו בלייבן מיט זייער האר וכו'; רוב מאל רעדט זיך דאס פון פרויען וואס זענען אריבער א שווערע יוגנט השם ישמרינו, אדער האט מען זיי געטשעפעט און גע'רודפ'ט אדער אויסגענוצט וכו' רחמנא לצלן, און אלץ רעזולטאט זענען זיי זייער צעקלאפט אינעווייניג, דערפאר טוען זיי דאס און זיי טוען זיך אן נישט בצניעות מיינענדיג אז דאס וועט זיי מאכן שפירן גוט.

דעריבער דארף מען זייער אכטונג געבן ווי אזוי מען רעדט צו זיי, אז מען זאל נישט צופיל פארלאנגען זי זאל זיך אפשערן ווייל דאס וועט נאר ערגער מאכן, מען דארף שיין רעדן איבער דאס גרויסקייט דערפון באופן כללי - נישט דירעקט.

בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג עס זאל אריין גיין א רוח טהרה אין דיין ווייב; מיט תפילה והתבודדות קען מען אלעס פועל'ן.

דא האסטו א תפילה צו בעטן יעדן טאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לֵייג אַרַיין אַ הֵיילִיגְקַייט אִין מַיין וַוייבּ זִי זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אִיר הָאר זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּגֶעדֶעקְט; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכה.) אוֹיף אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, אַז זִי אִיז גוֹרֵם עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקַייט אִין שְׁטוּבּ, אִירֶע

קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער ס"מ זָאל זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ רֶעד צוּ מַיין וַוייבּ וֶועגְן אִירֶע הָאר וֶוערְט זִי בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אוּן זִי ווִיל נִישְׁט הֶערְן וָואס אִיךְ זָאג אִיר. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, פוּן אֵיין זַייט ווִיל אִיךְ אִיר נִישְׁט וַויי טוּן, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט אִיר בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל אִיךְ טוּן דַיין ווִילְן אוּן אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זִי טוּט עֶס נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטְקַייט, זִי וֵוייסְט פָּשׁוּט נִישְׁט דִי הַארְבְּקַייט דֶערְפוּן. אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער: "אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת", דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, גֶעבּ מִיר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן מִיט אִיר, אַז זִי זָאל פַארְשְׁטֵיין דִי הַארְבְּקַייט דֶערְפוּן אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט".

וויסן זאלסטו אז אויף די וועלט דארף מען האבן אסאך סבלנות; מען קען נישט ארויפצווינגען קיין שום זאך אויף די ווייב, מען דארף אריין לייגן אסאך ליבשאפט אין שטוב און האבן אסאך סבלנות ביז מען פועל'ט. געב איר אסאך ליבשאפט ווי אויך גוטע ווערטער און הער אויס אירע ווייטאגן וואס זי איז אריבער; מיט תפילה וועסטו אלעס פועל'ן.

א ליכטיגן חנוכה.

...